מ. דרוּיאנאָוו

# די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט

(בירעבידזשאן)

פארלאג „עמעס“, מאָסקווע 1934

מ. דרויאנאָוו

# די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט

(בירעבידזשאן)

פארלאג „עמעס", מאָסקווע 1934

# אריַינפיר

„מיר האָבנ פארניכטעט די נאציאָנאלע אונטערדריקונג, מיר האָבנ פארניכטעט די אינטערנאציאָנאלע פריווילעגיעס אונ אײַנגעשטעלט נאציאָנאלע גלײַכבארעכטיקונג.

מיר האָבנ פארניכטעט די מעלוכישע גרענעצנ אינעמ אלטנ זינ פונ וואָרט, די גרענעצ־סלופעס אונ די טאמאָזשנע־פארצוימונגענ צווישנ די נאציאָנאליטעטנ פונ פססר...

מיר האָבנ אײַנגעשטעלט די אײנהײַט פונ די עקאָנאָמישע אונ פאָליטישע אינטערעסנ פאר די פעלקער פונ פססר.

(סטאלינ).

פאר דער מערהײַט ארבעטנדיקע בא אונדז אינ פארבאנד אונ אויכ פאר פיל ארבעטער אינ אויסלאנד איז באוווּסט, אז „בירעבידזשאנ" איז א ראיאָנ אפנ ווײַטנ מיזרעכ, וועלכער איז אויסגעטיילט געוואָרנ ספּעציעל אפ באזעצנ מיט יידישע האָרעפּאשנע מאסנ.

פאר דער צײַט, זינט די פארבאנדישע רעגירונג האָט פארפעסטיקט בירעבידזשאנ פארנ קאָמערד אונ אסיגנירט דערצו די נײטיקע מיטלענ, איז מיט די הענט פונ די יידישע האָרעפּאשנע מאסנ, באמ אקטיוונ באהילפיקנ אָנטייל פונ דער סאָוועטישער געזעלשאפטלעכקײַט אינ פערזאָנ פונ געזערד, אָפּגעטאָנ געוואָרנ א שווערע אונ וויכטיקע ארבעט אינ פראט פונ באהערשנ דעמ דאָזיקנ רײַכנ אונ וויכטיקנ טייל פונ אונדזער ווײַטנ מיזרעכ.

אינעמ 5־טנ פונקט פונ דער היסטאָרישער באשטימונג פונעמ 28־טנ מארט 1928 איז געווענ געזאָגט: „בא גינסטיקע רעזולטאטנ פונ באזעצנ דעמ אָנגעוויזענעמ ראיאָנ מיט האָרעפּאשנע יידנ — האָבנ אינזינענ די מעגלעכקײַט צו בילדנ אפ דער טעריטאָריע פונ בירעבידזשאנער ראיאָנ א יידישנ נאציאָנאלנ אדמיניסטראטיוו־טעריטאָריעלנ אײַנס".

ווי מיר וועלנ ווײַטער זענ, זײַנענ די רעזולטאטנ פונ 6-יאָריקער בויונג גאנצ מאמאָשעסדיקע. אונ אָט אָפנ גרונט פונ די ווירטשאפטלעכע אונ פאָליטישע דערגרייכונגענ אינ ביראָבידזשאנ, נעמענדיק אינ אכט די פעסטגעשטעלטע גרויסע פערספעקטיוונ פונ זײַנ עקאָנאָמישער אנטוויקלונג, האָט דער פרעזידיומ פונעמ פארבאנדישנ צענטראלנ אויספיר-קאָמיטעט אינ זײַנ באשלוס פונ 7-טנ מײַ 1934 יאָר באשטימט צו פארוואנדלענ דעמ ביראָבידזשאנער ראיאָנ אינ א יידישער אווטאָנאָמער געגנט.

די דאָזיקע בעעמעס היסטאָרישע באשטימונג פונ דער ראטנ-רעגירונג איז א קאָלאָסאלער סטימול פאר דעמ ווײַטערדיקנ ווירטשאפטלעכנ אויפבלי פונ דער געגנט אונ פאר דער שנעלער פארגרעסערונג פונ דער יידישער באפעלקערונג אינ געגנט.

די יידישע אווטאָנאָמע געגנט איז א קינד פונ דער אָקטיאבער-רעוואָליוציע. א קאָנסעקווענטער שריט פונ דער לענינישער נאציאָנאלער פאָליטיק. א באקרוינונג פונ דער גאנצער קאָלאָסאלער ביז-איצטיקער ארבעט פונ אָנווענדנ די דאָזיקע פאָליטיק צו דער סאמע גערוידעפטער אונ רעכטלאָזער מינדערהײַט פונעמ צארישנ רוסלאנד.

אינעמ גרעסטנ טייל שטעט פונעמ ראטנפארבאנד איז ברייט פאנאנדערגעוויקלט געוואָרנ די פאָפוליאריזירונג פונעמ באשלוס צו שאפנ די יידישע אווטאָנאָמע געגנט אינ אָרדענונג פונ פארשטארקנ די אינטערנאציאָנאלע פארברידערונג אונ באהעפטונג פונ די פעלקער אינ פססר. אונ די ארבעטער-קאָלעקטיוונ פונ פאבריקנ אונ זאוואָדנ, פונ אונדזערע אינדוסטריעלע גיגאנטנ פונ מאָסקווע, לענינגראד, גאָרקי, כארקאָוו אונ אנד. אינדוסטריעלע צענטערס, דאָס גלייכנ פונ געווערב-קאָאָפעראטיווע אונטערנעמונגענ אונ פונ קאָלווירטנ האָבנ אָפגעענטפערט אפ דעמ באשלוס פונ זייער רעגירונג ניט בלויז מיט הייסע אויפריכטיקע ברידערלעכע באגריסונגענ, נאָר אויכ מיט פראקטישנ אויספיר צו הילפ צו קומענ דער געגנט מיט קאָנקרעטע מיטלענ, וואָס זאָלנ פארגרינגערנ איר סאָציאליסטישנ אויפבוי. דאָס **שעפטומ** איבער ביראָבידזשאנ באקומט א געוואלדיקנ נײַעמ פארנעמ אצינד. אונ עס איז די זאכ פונ די געזעלש-ארגאניזאציעס צו באווײַזנ אפ א באלשעוויסטישנ אויפנ צו רעאליזירנ די דאָזיקע ברידערלעכע מאמאָשעסדיקע הילפ פאר דער סאמע יינגסטער נאציאָנאלער אווטאָנאָמער געגנט אינ ראטנפארבאנד.

די אויסבילדונג פונ דער ייִדישער אױטאָנאָמער געגנט האָט אויכ געפונענ דעמ שטאַרקסטנ אָפּקלאַנג בײַ די ברייטע אַרבעטער-שיכטנ ייִדישע באַפעלקערונג אינ די קאַפּיטאַליסטישע לענדער, סײַ די ביז איצט עקזיסטירנדיקע בריִדערלעכע געזעלשאַפטנ אַפּ מיטהעלפנ דער קאָלאָניזאַציע אינ בירעבידזשאַנ („איקאָר" אינ אַמעריקע, „אַסעק" אינ לאַטוויע, „געזערד" אינ פּאַריזש, „פּראָקאָר" אינ אַרגענטינע אאַו.) סײַ די נײַ-געשאַפענע אָרגאַניזאַציעס פונעמ זעלבנ טיפּ (ווי „אַגראָיִד" אינ פּוילנ אאַ.) וויקלענ איצט פאַנאַנדער א גראַנדיִעזע מאַסנ-אויפקלערערישע אַרבעט אונ גרייטנ קאָנקרעטע הילפ מיט אַרבעטקראַפט אונ אַלערליי מאַטעריאַלנ פאַר דער בויונג פונ דער ערשטער אינ דער וועלט ייִדישער אױטאָנאָמער געגנט. די שאַפונג פונ דער געגנט עפנט די אויגנ בײַ די ברייטסטע מאַסנ אינ אויסלאַנד אַפּ דעמ איינציקנ וועג צו סאָציאַלער אונ נאַציאָנאַלער באַפרײַונג פונ אַלע אונטערדריקטע — דעמ וועג צו ראַטנמאַכט, צו פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור. ניט אומזיסט קריצט אַזוי מיט די ציינ אונ דרייט זיכ אַפנ קאָרעק די ייִדישע פאַשיסטיש-ציִוניסטישע אונ בונדיש-סאָציאַל-פאַשיסטישע פּרעסע אינ אויסלאַנד אַרומ דער שאַפונג פונ דער ייִדישער אױטאָנאָמער געגנט.

די בריִדערלעכע הילפ פונ דער אינטערנאַציאָנאַלער פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפטלעכקײַט וועט אָנ שומ ספק א סאַכ פאַרגרינגערנ דעמ אויפבוי פונ דער אױטאָנאָמער געגנט אינ בירעבידזשאַנ. אָבער אינ דער דאָזיקער בויונג זײַנענ נאָכ פאַראַנ פיל דורכרײַסנ, פעלערנ אונ שוועריקײַטנ, וועלכע האַמעווענ די טעמפּנ פונ דער בויונג.

דער הויפּט-פעלער פונ די אָנפירנדיקע אָרגאַניזאַציעס אינ דער בויונג פונ בירעבידזשאַנ איז פריִער געווענ די גיגאַנטאָמאַנישע שטרעבונג צו אָרגאַניזירנ גרויסע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ, אַרויסלאָזנדיק פונ אויג די נייטיקײַט פריִער פאַר אַלצ צו שאַפנ אַנ אייגענע דער-נערונג-און פיטער-באַזע פאַר אָט דער אינדוסטריעלער בויונג. דעריבער איז אַפנ געביט פונ לאַנדווירטשאַפט, אַפנ געביט פונ אָרגאַניזירנ קאָלווירטנ אויפגעטאָנ געוואָרנ זייער ווייניק. פאַר פינפ יאָר אַרבעט זײַנענ אײַנגאַנצנ אָרגאַניזירט געוואָרנ נאָר פיר איבערוואַנדערישע קאָלווירטנ. אַדאַנק דער אָנווײַזונג פונ די קאַנטישע דירעקטיווע אָרגאַנענ, האָט די נײַע אָנפירונג אינ ראַיאָנ דעמ פעלער אויסגעלעבט שוינ אינ 1933 יאָר אונ די פראַגע וועגנ שאַפנ אַנ אייגענע

דערנערונג־באַזע איז אוועקגעשטעלט געוואָרנ אויבנאָנ אינ דער טאָג־טעגלעכער פּראַקטישער אַרבעט פונ די ביראָבידזשאַנער אָרגאַניזאַציעס.

ביז גאָר שלעכט איז ביז איצט די לאַגע מיט דער מ ע ל י אָ ר אַ ט י ו ו ע ר אַרבעט. בלויז אינ 1933 יאָר איז דורכגעפירט געוואָרנ א גרעסערע מעליאָראַציע אַפּ א שעטעכ פונ 6000 הא. אָבער דאָס איז נאָכ זייער ווייניק אינ פאַרגלייכ מיט די פּלענער. הינטערשטעליק איז אויכ די אַרבעט פונ קאָרטשעווענ דעמ באָדנ. שלעכט גייט דורכ די וועגנ־בויונג, וואָס האָט א גרויסע באַדייטונג פאַר דער אַנטוויקלונג פונ דער געגנט און וואָס שאַפט איינע פונ די גרעסטע שוועריקייטנ באַמ באַהערשנ די געגנט.

געוויס, זיינענ אינ געגנט פאַראַנ אָביעקטיווע שוועריקייטנ. דאָס זיינענ פריִער פאַר אַלצ די רעגנס, וואָס פאַלנ אויס אינ א גרויסער צאָל אינ יול און אויגוסט און פאַרשווערנ דעמ אַראָפּנעמ פונ דער גערעטעניש. אָבער די מעליאָראַציע, וואָס דאַרפ דורכגעפירט ווערנ צוזאַמענ מיט דער ריכטיקער אָרגאַניזירונג פונ דער אַרבעט, פאַרניכטנ אָט די שטערונג.

א שוועריקייט איז אויכ דאָס, וואָס די געגנט געפינט זיכ ווייט פונ צענטער. אָפּטמאָל פעלנ אויס דעפיציטע בוי־מאַטעריאַלנ, וואָס ווערנ טראַנספּאָרטירט פונעמ וויטנ צענטער (ווי גלאָז, טשוועקעס, אייזנ און אַנדערע זאַכנ) און דאָס פאַרהאַלט, פאַרשטייט זיכ, די בויונג פונ דעמ אָדער יענעמ אָביעקט. אָבער די פיל פאַרשטאַרקטע אויפמערקזאַמקייט פונ דער פּאַרטיי און דער רעגירונג צו דער בויונג פונ דער געגנט וועט אַצינד אָנ אַנ ערעכ פאַרבעסערנ די באַדינגונגענ פונ דער בויונג און העלפנ באַזייטיקנ און בייקומענ די שוועריקייטנ.

די יידישע אווטאָנאָמע געגנט נייטיקט זיכ אינ גוטע קוואַליפיצירטע טוער און אַרבעטער, וואָס זאָלנ גרייט זיינ אינ דער ערשטער צייט פונ זייער קומענ אַהינ אַקשאָנעסדיק צו קעמפּנ קעגנ יעדער שוועריקייט, וואָס איז אומפאַרמיידלעכ פאַרבונדנ מיט באַהערשנ דעמ וויטנ מיזרעכ. דער דאָזיקער מאָמענט דאַרפ אַצינד שטיינ אינ צענטער פונ דער אויפמערקזאַמקייט בא די טוער פונ דער איבערוואַנדערונג.

פאַר דער אויפפירונג פונ דער געגנט שטעלט זיכ אויכ די וויכטיקע און שווערע אויפגאַבע צו ראַיאָנירנ די געגנט און באַוואָרענענ די ווירטשאַפטלעכ־קולטורעלע אַנטוויקלונג פונ יעדנ ראַיאָנ לויט זיינע

נאַטירלעכע אייגנשאַפטנ, האָבנדיק אינזינענ, אַז די געגנט פאַרמאָגט גוואַלדיקע רײַכטימער, וואָס דאַרפנ באַהערשט ווערנ.

מיט דער הילפ פונ דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקײַט אונטער דער אָנפירונג פונ דער קאָמוניסטישער פאַרטיי בעראָש מיטנ גרויסנ סטאַלינ וועט די ייִדישע אווטאָנאָמע געגנט ווערנ אינגיכנ א בליִענדיקע געגנט אינ ראַטנפאַרבאַנד, אַנ עמעסער סאָציאַליסטישער פאָרפּאָסט אפנ ווײַטנ מיזרעכ.

# אַלגעמיינע געאָגראַפישע און עקאָנאָמישע יעדיִעס וועגנ דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט

דעם 20־טנ אווגוסט 1930 יאָר האָט דער פרעזידיום פונעם אַל־רוסלענדישנ צענטראַלנ אויספיר־קאָמיטעט לויט דער הישטאַדלעס פונעם ווײַטמיזרעכדיקנ קאַנטישנ אויספיר־קאָמיטעט באַשטימט שאַפנ אינעם באַשטאַנד פונעם ווײַטמיזרעכדיקנ קאַנט א בירעבידזשאַנער ראַיאָנ, אַרײַנגיסנדיק אינ אים מיכײַלאָ־סעמיאָנאָווסקער און קאַטערינאָ־ניקאָלסקער ראַיאָנעו, ווי אויכ טיילנ פונ נעקראַסאָווער און כינגאַנער־אַרכאַרינסקער ראַיאָנעו. אַלס צענטער פונעם נײַעם ראַיאָנ איז באַשטימט געוואָרנ די סטאַנציע טיכאָנקע. אינ סענטיאַבער 1930 יאָר איז פאָרגעקומענ דער ערשטער ראַטנ־צוזאַמענפאָר פונ בירעבידזשאַנער ראַיאָנ. די טעריטאָריע פונעם ראַיאָנ האָט דאַנ פאַרנומענ 3 מיליאָנ מיט 860 טויזנט העקטאַר אָדער 38 טויזנט קוואַדראַט־קילאָמעטער. נאָר גאָר אינגיכנ האָט דער קאַנטישער אויספירקאָם פאַרייניקט צו בירעבידזשאַנ דעם אַמור־טונגוסער ראַיאָנ מיט א מאַסיוו פונ דרײַ מיליאָנ מיט 150 טויזנט הא. אַזוי אַרום באַטרעפט די טעריטאָריע פונ דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט אַצינד בא 7 מיליאָנ העקטאַר אָדער 75 טויזנט קוואַדראַט־קילאָמעטער.

לויטנ רעליעפ קאָנ די געגנט צעטיילט ווערנ אפ צוויי טיילנ:

1. דער צאָפנ־און מײַרעוו־טייל באַשטייט דעריקער פונ בערג. דאָ ציִענ זיכ קייטנ בערג פונעם קליינ־כינגאַנ, אָולדורער און בורייער בערג.

2. דער דאָרעמ־און מיזרעכ־טייל פונ געגנט איז א טאָל באַם טײַכ אַמור. די געגנט איז באַדעקט מיט א געדיכטער נעצ פונ טײַכנ, וואָס פליִסנ מערסטנטייל פונ צאָפנ־מײַרעוו קיינ דאָרעמ־מיזרעכ.

3. די צוויי הויפט־טײַכנ פונ דער געגנט זײַנענ — בירע און בידזשאַנ. צווישנ זיי ביידע געפינט זיכ דער גרעסטער טייל טעריטאָריע

פון דער געגנט. לויטן נאָמען פון די צוויי טײַכן איז אויך אָנגערופן דער ראיאָן.

ביידע טײַכן ציִען זיך פון צפון קיין דאָרעם און פאַלן אַרײַן אין דעם באַוווּסטן טײַך אמור. דער דאָרעם־טייל פון דער געגנט, דער צפון־מיזרעכדיקער טייל און קימאַט דער גאַנצער מערעוו־טייל געפי־נען זיך האַרט בײַם ברעג פון אמור, וואָס גייט דורך אין געגנט אַף אַ שטרעקע פון 600 קילאָמעטער, פון זיי 400 קילאָמעטער בײַ דער גרענעץ מיט כינע (מאַנדזשוריע).

דער צפון־טייל פון דער געגנט ציט זיך לענגאויס דער אײַזנבאַן־ליניע פון מערעוו צו מיזרעך אַף 300 קילאָמעטער. די אײַזנבאַן־ליניע ליגט אַף דער באַוווּסטער מאַגיסטראַל פונעם גרויסן סיבירער וועג, וואָס בינדט צונויף די פאַרבאַנדישע הויפּט־שטאָט מאָסקווע מיטן ווײַטמיזרעכדיקן פּאָרט וולאַדיוואָסטאָק.

דער אמור־טונגוסער ראיאָן געפינט זיך אין צפון־מערעוו־טייל פון דער געגנט צווישן די טײַכן אורמי, קור און טונגוסקע.

פונעם צענטער פון דער געגנט — פון דער שטאָט בירעבידזשאַן ביז דער דאָרעמדיקער גרענעץ פון דער געגנט — איז אַ דיסטאַנץ פון 280 קילאָמעטער און די אַלגעמיינע דיסטאַנץ פון צפון ביז דאָרעם באַטרעפט 430 קילאָמעטער. די פאַרבינדונג צווישן די פונקטן, וואָס ליגן אין צפון און אין דאָרעם פון דער געגנט, קומט פאָר סיסטעמאַ־טיש נאָר אין באַשטימטע צײַטן פון יאָר: זומער־צײַט פון מײַ ביז אָקטיאַבער און דער צײַט פון נאַוויגאַציע און ווינטער — פון נאָיאַ־בער ביז מאַרט, ווען עס איז פאַרפרוירן דער באָדן.

פון דער שטאָט בירעבידזשאַן ביז מיכײַלאָ־סעמיאָנאָווסק גייט אַ גײַער גוטער וועג, וואָס פירט אויך צום ערשטן איבערוואַנדערישן קאָלווירט בירעפעלד און צו נאָך פיל וויכטיקע ווירטשאַפטלעכע באַ־צירקן.

## קלימאַט און באָדן

דער כאַראַקטער פון קלימאַט אין דער אָדער יענער געגנט הענגט אָפּ פון אַ סאַך קאָמפּליצירטע מעטעאָראָלאָגישע אייגנשאַפטן. אין דער ערשטער ריי פון די אַטמאָספער־אָפּזאַצן (פײַכטקײַט), ווינטן, טעמ־פּעראַטור פון דער לופט און זון.

פאר דער יִדישער אווטאָנאָמער געגנט איז כאַראַקטעריסטיש די מוסאָנער ווינטנ, וואָס בלאָזנ פונעמ שטילנ אָקעאַנ און ברענגענ מיט זיכ פײַכטע און רעגנדיקע וועטערס אינ די זומער-צײַטנ. פאַרקערט, ווינטער בלאָזנ זיי פונ דער יאַבלאָשע אַפנ יאַמ און ברענגענ מיט זיכ א טרוקנ און לויטער וועטער קימאַט אָנ אָפּזאַצנ. אַזוי־אַרומ באַשטײט די אייגנשאַפט פונעמ קלימאַט אינ דער יִדישער אווטאָנאָמער געגנט אינ דעמ, וואָס דער זומער איז דאָרט א הייסער און א נאַסער און דער ווינטער א העלער און א טרוקענער קימאַט אינגאַנצנ אָנ שניי.

לויט די מאַטעריאַלנ פונ דער בירער פּרווו-סטאַנציע (איצטיקע־בירעבידזשאַנער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט פאַר לאַנדווירטשאַפט), באַטרעפט די דורכשניטלעכע צאָל אָפּזאַצנ פאַר א יאָר 599,7 מילימעטער, וועלכע צעטײלנ זיכ לויט די פּעריאָדנ פונ יאָר אַפ פאָלגנדיקנ אויפנ: ווינטער (דעקאַבער—יאַנוואַר—פעווראַל) — 24 מילימעטער, פרילינג (מאַרט—אַפּרעל—מײַ)—99 מילימעטער, זומער (יונ—יול—אווגוסט) — 339,7 און האַרבסט (סענטיאַבער—אָקטיאַבער—נאָיאַבער) — 137 מילימעטער.

פונ דער אַלגעמײנער יאָריקער צאָל אָפּזאַצנ פאַלט אַפ מײַ—סענטיאַבער 497,7 מילימעטער. דאָס כאַראַקטעריזירט, פאַרשטײט זיכ, דאָס ניט גלײַכמעסיקע אויספאַלנ פונ די אָפּזאַצנ אינ מעשעכ פונעמ יאָר, און דעמ איבערפלוס פונ אָפּזאַצנ אינ די רעגנדיקע זומערדיקע כאַדאָשימ. פונ דער אַלגעמײנער צאָל 106 טעג מיט אָפּזאַצנ אינ מעשעכ פונעמ גאַנצנ יאָר פאַלט אַפנ ווינטער-פּעריאָד 16 טעג, אַפנ פרילינג-פּעריאָד — 24 טעג, אַפנ זומער-פּעריאָד — 40 טעג און אַפנ האַרבסט-פּעריאָד — 26.

לויט די מאַטעריאַלנ פונ פּראָפ. וויליאַמס עקספּעדיציע איז דער סאַמע הייסער כוידעש יול, און דער קאַלטסטער יאַנוואַר. אינ יול דערגרייכנ די היצנ ביז 50 גראַד און אינ יאַנוואַר די קעלטנ ביז 30 גראַד.

צו די פּאָזיטיווע אייגנשאַפטנ פונ דער געגנט אינ קלימאַטישער הינזיכט געהערט די פולע זונ-שײַנ, וואָס אַדאַנק דעמ מאַכט אויס די דורכשניטלעכע וואַרעמקײַט אינעמ וועגעטאַטיווונ פּעריאָד (די צײַט פונעמ פאַרזייענ די קולטורנ און ביזנ רײַפ ווערנ) אומגעפער באַ 2500—3000 גראַד. אַזאַ וואַרעמקײַט סטימולירט דאָס וואַקסנ פונ אַלערלײ קולטורנ. אָבער, פונ דער צווייטער זײַט, איז די גרויסע צאָל אָפּזאַצנ,

וואָס פאַלט ארויס אינ די זומערדיקע כאַדאָשימ פּונקט צומ אראָפּנעמ, ווירקט שלעכט אפ דער גערעטעניש פונ די קערנער־קולטורנ. עס איז אָבער דעריקער א פראַגע פונ ריכטיק אָרגאַניזירנ די ארבעט. די פּראַקטיק האָט דערוויזנ, אַז מע קאָנ די קערנער־קולטורנ אראָפּנעמענ אינגאַנצנ, אויב נאָר עס ווערנ מאַקסימאַל אויסגענוצט די זוניקע טרוקענע טעג.

אפ דעמ פּראָצעס פונ רייפ ווערנ פונ אַזעלכע קולטורנ, ווי סויע, קוקורוזע אונ גרינסנ, בא וועלכע דער וועגעטאַציע־פּעריאָד איז א לענגערער, איידער בא די קערנער־קולטורנ, האָט דער רעגנ־פּעריאָד קיינ שומ נעגאַטיווע ווירקונג.

די קליינע צאָל אָפּזאַצנ אינ פרילינג אונ דאָס אויספעלנ פונ שניי אינעמ ווינטער־פּעריאָד דערלויבנ ניט צו האָבנ אינ געגנט קיינ ווינטערדיקע קולטורנ.

דער באָדנ פונ געגנט איז לויט זיינע פיזישע אונ מעכאַנישע אייגנשאַפטנ זייער א פרוכטבאַרער, אָבער ניט אומעטומ דער זעלבער. אינ פיל פּונקטנ פונ דער געגנט קענ מענ אייגנצייטיק געפינענ שווערנ ליימיקנ באָדנ אונ לייכטנ זאַמד־באָדנ, שוואַרצערד אא.

דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַרנ באָדנ אינ דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט זיינענ די גרויסע פאַרזומפּיקטע מאַסיוונ. די גרויסע פייכטקייט פונעמ באָדנ נעמט זיכ דאָ פונ דעמ, וואָס אפנ אויבערפלאַכ האָבנ זיכ אופגעהאַלטנ די אָפּזאַצנ פאַר פיל יאָרנ אונ ניט באַוויזנ אויסצוטריקענענ. אכוץ דעמ, רינט אראָפּ אפ די נידעריקע מאַסיוונ דאָס וואַסער פונ די בערג, אונ דאָס שאַפט א דאָפּלטע פייכטקייט.

אָבער אָט די שטענדיקע פייכטע ערד־מאַסיוונ קאָנענ גרינג אריינגעפירט ווערנ אינ עקספּלואַטאַציע, ווענ מע זאָל דורכפירנ די נייטיקע מעליאָראַטיווע ארבעט, ד.ה. אויסטריקענענ זומפּיקע ערטער. דער וווּקס פונעמ פּאַרזיי־שטעטל וועט אינ דער גאַנצער געגנט מוזנ דורכגעפירט ווערנ דער עיקער אפנ כעזשבנ פונ אויסטריקענענ די מאַסיוונ אונ אינ א קלענער מאָס אויכ דורכ אויסקאָרטשעווענ, אויסוואָרצלענ די טייגע.

די פאַרבאַנדישע אָרגאַניזאַציע „מעליאָוואָדכאָז" פירט דורכ לויט דער אופגאַבע פונ דער רעגירונג אונ מיט דער הילפ פונ די בירעבידזשאַנער אָרגאַניזאַציעס א גרויסע ארבעט אפ צו פאַרווירקלעכנ די מעליאָראַציע. אויכ די פאַרבאַנדישע אָרגאַניזאַציע „ווזריוומעלפּראָמ"

פאַרנעמט זיכ ערנסט מיט אויסקאָרטשעווענ די ביימער, דערביי איז די ארבעט מאקסימאל מעכאניזירט.

סיי דער קלימאט פונ בירעבידזשאנ, ניט קוקנדיק אפ זיינע איי־גנשאפטנ, סיי דער באָדנ, גיבנ די פולע מעגלעכקייט צו קולטיווירנ אינ געגנט וועלכע מע וויל נאָר קולטורנ, אנהייבנדיק פונ די, וואָס וואקסנ בא א הייסנ קלימאט, ביז אזעלכע, וואָס קאָנענ וואקסנ נאָר אינ קאלטנ צאָפנ־קלימאט. אייגנצייטיק מיט אזעלכע טייערע ביימער, ווי רויט־בוימ, טענענבוימ, צעדערבוימ, קאָרקנבוימ, ציטערבוימ, האָבנ מיר דאָ סאָסנע, בעריאָזע, קליאָנ אונ אנדערע מינימ ביימער, וואָס גיבנ רייכע רויוואַרג פאר דער האָלצ־אינדוסטריע, דאָסגלייכנ אלערליי יאגעדעס, ווילדע וויינטרויבנ. פונ קערנער אונ טעכנישע קולטורנ וואקסנ אינ גע־גנט: ווייצ, קאָרנ, האָבער, גערשטנ, סויע, רייז, ליינ, קוקורוזע, גראָזנ, קאַרטאָפל, פאָמידאָרנ, אוגערקעס, ציבעלעס, מערנ, בוריקעס אונ אנ־דערע פארשיידענע קולטורנ.

די יידישע אווטאָנאָמע געגנט ווייסט ניט פונ קיינ פארטריקעניש. אונ ווענ עס וועט געפירט ווערנ א באַדייטנדיקע מעליאָראַטיווע אר־בעט, וועלנ די זומערדיקע רעגנס אופהערנ שפילנ א נעגאטיווע ראָליע באמ ארופנעמענ די קערנער־קולטורנ אונ די גערעטעניש וועט דער־גרייכנ צו א גרויסער הייכ.

# וואָס איז אופגעטאָנ געוואָרנ אינ בירעבידזשאנ פאר זעקס יאָר.

## אפנ געביט פונ לאנדווירטשאפט

דער פארזיי־שעטעכ האָט אינ די גרענעצנ פונ אָרגאניזירטנ בירע־בידזשאנער ראיאָנ אינ 1927 יאָר איינגאנצנ באטראָפנ 14500 הא, וואָס זיינענ באהערשט געוואָרנ באמ אמאָליקנ קאָלאָניזירנ דעמ ראיאָנ אינ מעשעכ פונ 60 יאָר (1858—1920). אונ שוינ אינ מעשעכ פונ איינ יאָר סאָוועטישער איינוואנדערונג האָט זיכ דער פארזיי־שעטעכ אינ 1928 יאָר פארגרעסערט אפ 4300 הא.

דעמ פראָצעס פונ פארגרעסערנ דעמ פארזיי־שעטעכ אפנ כעזשבנ פונ אופאקערנ רויערד אונ פונ אויסקאָרטשעווענ ביימער איז געגאנ־גענ סיסטעמאטיש אונ אינ 1933 יאָר האָט שוינ בירעבידזשאנ פאר־זייט 28207 הא, דה. צוויי מאָל אזויפיל, איידער אינ 1927 יאָר.

נאָכ דער באַשטימונג פונ די פאַרטייִשע אונ סאָוועטישע אָרגאַנענ וועגנ שאַפנ אַנ אייגענע דערנערונג-באַזע אונ פיטער-באַזע, איז אינ 1933 יאָר אָפגעגעבנ געוואָרנ פיל אַכט אָפ פאַרגרעסערנ דעמ פאַרזיי פונ קערנער-קולטורנ. פונ דעמ אַלגעמיינעמ פאַרזיי-שעטעכ פונ 28207 הא איז פאַרנומענ געווענ מיט ווייצ 9153 הא (32,5%), מיט האָבער 8826 הא (31%), מיט סויע 4805 הא (17%), מיט גריקע — 2137 הא (7,5%), מיט קאַרטאָפל אונ גאָרטנוואַרג — 2186 הא (7,5%). דער איבעריקער מאַסיוו איז געווענ פאַרנומענ מיט קוקורוזע, צומיזע, פאַיזע, רײַז, גראָז אא.

דער פאַרגעזעלשאַפטלעכטער סעקטער האָט פאַרזייט 27059 הא, וואָס האָט באַטראָפנ 96% פונ דעמ אַלגעמיינעמ פאַרזיי-שעטעכ; די קאָלווירטנ האָבנ פאַרזייט 18914 הא, די ראַטווירטנ — 6898 הא אונ די איבעריקע אָרגאַניזאַציעס — 1247 הא.

די אינדיווידועלע פויערשע ווירטשאַפטנ האָבנ פאַרזייט 1148 אָדער 4% פונ דעמ אַלגעמיינעמ פאַרזיי-שעטעכ.

אינ מעטעאָראָלאָגישער הינזיכט איז דאָס יאָר 1933 געווענ אַנ אויסערגעוויינלעכ גוט יאָר — סײַ לויט דער קליינער צאָל אויסגעפאַלענע אָפזאַצנ אונ סײַ לויט דעמ, וואָס די אָפזאַצנ זײַנענ געפאַלנ רעגלמעסיק אינ די נייטיקע פעריאָדנ פונ יאָר. באַזונדערס איז געווענ גוט, וואָס אינ יול אונ אינ אווגוסט זײַנענ נית געגאַנגענ קיינ גרויסע רעגנס, וואָס שפילנ אַ נעגאַטיווע ראָליע באַמ אָראָפנעמענ די גערעטעניש.

מ פ אָ ל י ט אָ פ ט ו י ז געווענ אויסגעפאַלנ אָפזאַצנ אינ יול כוידעש
0,8 בראָכ אינ דער ווינ אווגוסט 157,4; אינ 1929 יאָר — אינ יול
53,7 ער מטס. 163,4, אינ 1930 יאָר — אינ יול 76,3, אינ אוו-
גוסט ן די 38 טראָ 193 יאָר — אינ יול 67,5 אונ אינ אווגוסט 123,3,
אינ 32 פאָלקאָ — אינ יול 199,4, אינ אווגוסט 288,8, אינ 1933
יאָר — אינ יול 89,5 אונ אינ אווגוסט 106,0 מילימע-
טער. דאָס האָט געגעבנ די בירעבידזשאַנער אָרגאַניזאַציעס אינ 1933 יאָר די מעגלעכקײַט צו העכערנ די קוואַליטעט פונ אַרומגיינ באַ די דורכאַקער-קולטורנ אונ באַמ אָראָפנעמענ די גערעטעניש.

אַדאַנק דעמ, וואָס דאָס יאָר 1933 איז געווענ אַ טרוקנס, האָט זיכ אויכ אײַנגעגעבנ די בירעבידזשאַנער אָרגאַניזאַציעס צו פאַרגרייטנ העכער 250.000 צענטנער היי אונ וואָס האָט, פאַרשטייט זיכ, גע-

שפּילט א װיכטיקע פּאָזיטיװע ראָליע אפ אײַנצוהיטנ די פּאָראנענע טשערעדע און צו אנטװיקלענ דעם װײַטערדיקנ װוּקס פונ דער פיצוכט.

אינ אלגעמײנ האָט די פיצוכט אינ בירעבידזשאנ אָבער ניט באקומענ די נײטיקע אנטװיקלונג ניט אינ די קאָלװירטנ און אויכ ניט אינ די ראַטװירטנ. לויט דער באשטימונג פונעם פּאָלקאָמערד פונ 4־טנ מארט 1934 יאָר דארפ די טשערעדע פונ בירעבידזשאנ אינעם קאָלװירטישנ סעקטער צום סאָפ 1934 יאָר דערגרײכנ ביז 7300 שטיק דאָרנפי (פונ זײ 4400 בעהיימעס און 5500 כאזירים). אכוץ דעם האָט דער פּאָלקאָמערד אָנגעמערקט, אז אינ די קאָלװירטישע פיציכט־לערישע סכװירע־פערמעס זאָל ביזנ סאָפ פונ 1934 יאָר זיכ געפינענ 1800 שטיק האָרנפי (פונ זײ 750 בעהיימעס, 600 כאזײרים (אינ דעמ 200 כאזערטעס־מוטערס), בינענ־פאמיליעס — 11700.

פערד האָט זיכ אינ בירעבידזשאנ אינ 1933 יאָר געפונענ בא 5000 און לויטנ באשטעטיקטנ פּלאנ װעט קײנ בירעבידזשאנ אינ 1934 יאָר ארײַנגעפירט װערנ נאָכ 500 פערד.

## I. מאשינ־טראקטער־סטאנציעס

אינ בירעבידזשאנ זײַנענ אָרגאניזירט 3 מאשינ־טראקטער־סטאנ־ציעס: אמורזעטער, אוסט־סונגארער און בירעבידז[illegible]. טי־כאָנקער). זײ באדינענ 20 גרעסערע קאָלװירטנ. [illegible] האָבנ די מטס באדינט 13574 הא.

לויט די פּראָדוציר־טעכנישע צײַגערס איז [illegible] טראקטער־סטאנציע ניט נאָר אינ בירעבידזשאנ [illegible] אינעם גאנצנ װײַט־מיזרעכדיקנ קאנט געװענ [illegible] מטס, װאָס באדינט באם אמורער פאס 8 גרויס[illegible] אָרגאניזירטנ [illegible]לבע האָבנ געהאט אינ 1933 יאָר א פּאָדזײ־שעטעכ פונ [illegible] 14500 הא, מטס האָט אינ 1933 יאָר די ערשטע אינ בירעבידזשאנ [illegible] דעם פּאָדזײ און אויסגעפילט דעם באשטעטיקטנ פּאָדזײ־פּלאנ אפ 100%. זי האָט אויכ פיל דערגרײכט אינ שלאכט פאר אגראָטעכניק, פאר הע־כערנ די גערעטעניש. א דערגרײכונג פאר דער אמורזעטער מטס איז אויכ געװענ דאָס אופהײבנ פירערד אפ א שעטעכ פונ 3218 הא. דער מאשינ־טראקטער־פּארק פונ 50 טראקטערס און איבעריקע קאָמפּלי־צירטע לאנדװירטשאפטלעכע מאשינעס װערט בא דער אמורזעטער מטס נאָרמאל אמאָרטיזירט, און װירטשאפטלעכ ריכטיק אויסגענוצט.

די בירעבידזשאנער מטס (געוועזענע טיכאָנקער) באדינט 6 קאָלווירטנ, וואָס האָבנ אינ 1933 יאָר פארזייט 961 הא. צווישנ זיי די איבערוואנדערשע קאָלווירטנ „וואלדהיימ", „איקאָר", „בירעפעלד" אונ „רויטע סאָפּקע". אלע קאָלווירטנ זײַנענ טעריטאָריעל פאנאנדערגעוואָרפנ אפ א דיסטאנצ פונ 300 קילאָמעטער אונ ביכלאל ווערט די ארבעט פונ דער מטס געפירט בא גאנצ שווערע באדינגונגענ. די קאָלווירטנ „וואלדהיימ", „רויטע סאָפּקע" אונ טיילווײַז אויכ „איקאָר" האָבנ אָרגאניזירט זייער ווירטשאפט אפ געקאָרטשעוועטער ערד, וואָס פארשוועריקט אינ א גרויסער מאָס די ארבעט פונ דער מטס. דערבײַ געפינט זיכ די ערד פונ די באדינטע קאָלווירטנ ניט אפ דורכויסיקע מאסיוונ, נאָר צעוואָרפנ אפ קליינע ערד־כאלאָקימ.

אינ רעשומ פונ בירעבידזשאנער מטס האָבנ זיכ געפונענ 39 טראקטערס אונ א היפּשע צאָל קאָמפּליצירטע לאנדווירטשאפטלעכע מאשינעס. די מערהײַט טראקטערס אונ מאשינעס זײַנענ אָבער אדאנק דער שלעכטער עקספּלואטאציע פאר א קורצער צײַט קימאט אינגאנצנ אָפּגעניצט געוואָרנ. אויכ דער קאפּיטאלער רעמאָנט ווערט שלעכט דורכגעפירט. לויט איר שלעכטער ווירטשאפטלעכער אָנפירונג רעכנט זיכ בירעבידזשאנער מטס פאר דער ערגסטער אינ גאנצנ קאנט. דעמ פארזייפּלאנ אינ 1933 יאָר האָט די בירעבידזשאנער מטס אויסגעפילט נאָר אפ 86%. איבער דער שלעכטער אָנפירונג פונ דער מטס האָט זיכ דאָס אראָפּנעמענ פונ סויע אינ בירעפעלדער קאָלווירט פארצויגנ ביז ווינטער, וואָס האָט געבראכט צו גרויסע פארלוסטנ פונ דער גערעטעניש.

ערשט אדאנק דער באָלשעוויסטישער אָנפירונג פונ דעמ געשאפענעמ פּאָליטאָפּטייל האָט זיכ אינ 1934 יאָר אָנגעהויבנ אנ איבערבראָכ אינ דער ווירטשאפטלעכער אונ טעכנישער פארשטארקונג פונ דער מטס.

פונ די 38 טראקטערס, וואָס ווערנ לויט דער באשטימונג פונ פארבאנדישנ פאָלקאָמערד געגעבנ דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט אינ מעשעכ פונ 1934, וועט בירעבידזשאנער מאשינ־טראקטער־סטאנציע באקומענ 20 טראקטערס. אינ היזיכט פונ צוגרייטנ מאסיוונ ערד פאר נײַע קאָלווירטנ וועט די בירעבידזשאנער מטס שפּילנ די וויכטיקסטע ראָליע. פיר נײַע איבערוואנדערישע קאָלווירטנ (אלעקסייעווקע, ניקאָפּאָלעווקע, קאזאנקע אונ דעזשניאָווקע) וועלנ באדינט ווערנ פונ דער האָזויקער מטס.

אינ באשטאנד פונ דער אוסטסונגארער מאשינ־טראקטער־סטאנציע געפינענ זיכ 6 קאָלווירטנ פונ אלטגעזעסענע קאזאקישע אײַנוווינער. דער פארזײ־שעטעכ פונ די קאָלווירטנ האָט אינ 1933 יאָר באטראָפנ 4246 הא.

דער פארזײ־פלאנ פונ דער מטס איז אינ 1933 יאָר אויסגעפילט געוואָרנ אײַנגאנצנ אפ 72% אונ אויכ אלע איבעריקע פראָדוציר־צײַגערס זײַנענ געשטאנענ ניט הויכ. פונ די טראקטערס, וואָס ווערנ געגעבנ דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, וועט די אוסטסונגארער מטס באקומענ 15 נײַע מעכטיקע טראקטערס. דאָס וועט באדײַטנדיק פארשטארקנ די טעכנישע באזע פונ דער מטס.

## II. די עלטערע איבערוואנדערישע קאָלווירטנ

פונ 1928 ביז 1933 יאָר איז אינ בירעבידזשאנ געשאפנ געוואָרנ נאָר פיר איבערוואנדערישע קאָלווירטנ: „בירעפעלד“, „וואלדהיימ“, „איקאָר“ אונ „אמורזעט“, וועלכע האָבנ פאקטיש ביזנ הײַנטיקנ טאָג נאָכ ניט פארענדיקט זייער אָרגאניזאציאָנעלנ פעריאָד.

אינ אָרדענונג פונ קריטיק אונ זעלבסטקריטיק איז נייטיק אָנצווײַזנ, אז ביזנ 1933 יאָר האָבנ סײַ די אָנפירער פונ בירעבידזשאנער ראיאָנ אונ סײַ די אָנפירער פונ קאָמערד אונ געזערד ניט אָפגעגעבנ די נייטיקע אכט דער בויונג אונ אָרגווירטשאפטלעכער פארפעסטיקונג פונ די קאָלווירטנ. מע האָט זיכ ארײַנגעלאָזט בלויז אינ בויענ אינדוסטריִעלע אונטערנעמונגענ, ניט רעכענענדיק זיכ מיט דער נייטיקייט צו שאפנ פריִער פאר אלצ אנ אייגענע לאנדווירטשאפטלעכע באזע. אָבער שוינ אינ 1933 יאָר איז דער פעלער אינ גרונט ליקווידירט געוואָרנ. אינעמ זעלבנ יאָר זײַנענ געשאפנ געוואָרנ צוויי נײַע איבערוואנדערישע קאָלווירטנ — לענינפעלד באם אמור, אונ רויטע סאָפקע בא דער סטאנציע ביראקאנ. אינ די באשטעטיקטע ווירטשאפטלעכע פלענער אפנ 1933 יאָר איז אפ דער בויונג פונ נײַע קאָלווירטנ אסיגנירט געוואָרנ באדײַטנדיקע מיטלענ.

### 1. קאָלווירט „בירעפעלד“

דער קאָלווירט „בירעפעלד“ איז אָרגאניזירט אינ 1928 יאָר אונ איז דער ע ר ש ט ע ר פונ די געשאפענע איבערוואנדערישע קאָלווירטנ אינ בירעבידזשאנ.

באמ אָנהייב פונ דער קאָלאָניזאציע אינ בירעבידזשאנ האָט בירעפעלד פארנומענ דאָס צענטראלע אָרט. אינ ערשטנ פעריאָד איז בירעפעלד ניט געווענ קיינ איינהײַטלעכע ווירטשאפט: אפ זײַנ מאסיוו האָבנ זיכ באזעצט פיל קליינע קאָלווירטנ, וועלכע זײַנענ געקומענ קיינ בירעבידזשאנ שוינ אלס אָרגאניזירטע קאָלעקטיוונ. אינ דער געשיכטע פונ בירעבידזשאנער בויונג פארנעמט אנ אָנגעזענ־אָרט די ערשטע בירעפעלדער איבערוואנדערער, ווײַל זיי האָבנ דורכגעמאכט דעמ שווערסטנ פעריאָד פונ „פּיאָנערנ" אינ דער שלאכט מיט דער טײַגע, מיט די בלאָטעס, מיט די שלעכטע וועגנ, מיטנ „גנומ" אאוו.

די ערשטע בירעפעלדער איבערוואנדערער האָבנ אינ זייער שווערע באדינגונגענ אָנגעהויבנ בויענ דעמ וועג פונ דער שטאָט בירעבידזשאנ (געוו. סט. טיכאָנקע) ביז בירעפעלד (55 קילאָמעטער). די זעלבע איבערוואנדערער האָבנ אינ א געוויסער צײַט ארומ זיכ אויכ באטייליקט אקטיוו באמ דורכפירנ די ערשטע מעליאָראציע.

די באדײַטונג פונ בירעפעלד, אלס לאנדווירטשאפטלעכנ צענטער, ווערט נאָכ גרעסער, ווענ מע נעמט אינ אכט, אז אינ די נאָענטסטע פאָר יאָר וועט דאָרט דורכגעפירט ווערנ מעליאָראטיווע ארבעט אפ א מאסיוו פונ 200 טויזנט הא, וואָס וועט געבנ די מעגלעכקײַט צו אָרגאניזירנ דאָרט א גאנצע ריי נײַע איבערוואנדערישע קאָלווירטנ.

אינ בירעפעלד איז אויכ געשאפנ געוואָרנ דער ערשטער יידישער דאָרפראט אינ בירעבידזשאנ.

בא הײַנטיקנ טאָג האָבנ זיכ אינ קאָלווירט באזעצט 65 איבערוואנדערישע פאמיליעס (בא 300 נעפאשעס). די מערהײַט געהערט צו די ערשטע איבערוואנדערער.

די הויפט־קולטור אינ דעמ קאָלווירט איז ו ו ײ צ, אנ אָנגעזענ־אָרט אינ דעמ זיי־פארקער פארנעמט דאָ אויכ ס ו י ע, וועלכע האָט א גרויסע ווירטשאפטלעכע באדײַטונג סײַ ווי א שפײַז־פּראָדוקט אונ אזוי אויכ ווי פוראזש פארנ פי. אכוצ דעמ האָט די קולטיווירונג פונ סויע אויכ א פּאָזיטיווע א ג ר אָ ט ע כ נ י ש ע באדײַטונג, ווײַל זי פאָדערט א געוויסנ ארומגיינ ארומ זיכ אונ דאָס פארבעסערט די סטרוקטור פונ באָדנ אזוי, אז די קולטורנ, וואָס ווערנ פארזייט נאָכ סויע, גיבנ א גרעסערע גערעטעניש.

פיל אכט גיט מענ אָפּ אינ קאָלווירט בירעפעלד אפ אנטוויק־

לענ ב י נ ע נ צ ו כ ט. אינ 1933 יאר איז די צאל בינשטאקנ דערפירט געווארנ ביז 1000. דער פארזיי=שעטעכ פונעמ קאלווירט איז אינ 1933 יאר געווענ 315 הא אונ לויטנ רעאלנ פערספעקטיוו־פלאנ דארפ אינ פרילינג 1935 יאר פארזייט ווערנ ב י ז 600 ה א.

דער קאלווירט האט אויסגעבויט 70 הייזער, א באדינטנדיקע צאל ווירטשאפטלעכע געביידעס אונ א גאנצע ריי געזעלשאפטלעכע געביידעס, ווי א מעדיציניש פונקט, א קאאפעראטיוו, דארפראט, גארקיכ, באד, שול, יאסלעס, קינדער=פלאצ אאוו.

דער קאלווירט האט בעפיירעש אלע באדינגונגענ אפ צו ווערנ א באלשעוויסטישער אונ פארוואנדלענ די קאלווירטניקעס אינ פארמעגלעכע. אבער קעדיי וואס גיכער פארווירקלעכנ כ' ס ט א ל י נ ס לאזונג, מוז דער קאלווירט בירעפעלד וואס גיכער פארבעסערנ זיינ ווירטשאפטלעכע ארבעט, פארשטארקנ די באלשעוויסטישע ארבעטסדיסציפלינ, העכערנ בא די קאלווירטניקעס דעמ אינטערעס צומ קאמפ פאר באהערשנ די אגראטעכניק, פאר א גרעסערער גערעטעניש, אויסשלייפנ בא זיי דאס געפיל פונ געטריייער ארבעט אפ אפהיטנ דאס סאציאליסטישע אייגנטומ פונעמ קאלווירט.

## 2. קאלווירט „וואלדהיימ“

12 קילאמעטער פונ דער שטאט בירעבידזשאנ. אהער זיינענ די ערשטע איבערוואנדערער געקומענ אינ 1929 יאר אונ זיכ גענומענ אינ דער ווילדער טייגע בויענ א קאלווירט. אינ די שווערע באדינגונגענ פונ באהערשנ די טייגע האבנ די איבערוואנדערער מיט די הענט געריסנ די הונדערטיאריקע ביימער, געקארטשעוועט דעמ געדיכטנ וואלד אונ מיט גרויס אקשאנעס געבויט זייער היימ אינ וואלד, דעמ קאלווירט „וואלדהיימ“.

דער פארזיי־שעטעכ פונעמ קאלווירט וואקסט אויסשליסלעכ אפנ חשבונ פונ אויסקארטשעווענ די טייגע. אינ פרילינג 1933 יאר האט דער קאלווירט פארזייט 170 הא. באמ ארגאניזירנ דעמ קאלווירט „וואלדהיימ“ איז דערלאזט געווארנ אנ ערנסטער פעלער: ביזנ 1933 יאר האט זיכ דער קאלווירט גערעכנט פאר א מילכ־גערטנער־ווירטשאפט, אינ דער צייט, ווענ ער האט ניט געהאט קיינ אייגענע ברויט- און פיטער־באזע. ערשט איצט איז דער קאלווירט שוינ אפנ וועג צו שאפנ אנ אייגענע דערנערונג=באזע.

די שווערע ארבעט פונ קאָרטשעוועג איז אינ 1933 יאָר מעכאַניזירט געוואָרנ אונ טאַקע אדאנק דעמ האָט דער קאָלווירט באַוויזנ אויסצוקאָרטשעוועג אינ 1933 יאָר העכער 120 הא, ווענ באַמ קאָרטשעוועג מיט די הענט האָט זיכ פאַר פיר יאָר איינגעגעבנ אויסקאָרטשעוועג בלויז 130 הא. דעריבער איז זייער רעאל דער אָנגעמערקטער פּלאַנ צו דערפירנ דעמ פאַרזיי־שעטעכ פונעמ קאָלווירט „וואַלדהיימ" אינ 1935 ביז 500 הא.

אינ קאָלווירט האָבנ זיכ פעסט באַזעצט 120 איבערוואַנדערער קאָלווירטניקעס (באַ 500 נעפאַשעס) אונ אינ דער בויונג פונ קאָלווירט זײַנענ פאַראַנ גרויסע דערגרייכונגענ.

מיטנ אקטיווג אָנטייל פונ די קאָלווירטניקעס־איבערוואַנדערער איז געמאַכט געוואָרנ א גוטער שאָסיי־וועג צווישנ דער שטאָט בירעבידזשאַנ אונ דעמ קאָלווירט „וואַלדהיימ". אַכוץ די נייטיקע צאָל דירעס פאַר די קאָלווירטניקעס איז אויסגעבויט: א קו־שטאַל אַפ 200 שטיק, א פערד־שטאַל, א כאַזיירימ־שטאַל, א קעלער פאַר גרינסנ, א טוועשפּײַכלער, א סילאָס־טורעמ אונ א גאַנצע ריי אַנדערע ווירטשאַפטלעכע געבײַדעס.

פונ געזעלשאַפטלעכע געבײַדעס איז פאַראַנ א זעלטנ גוטער קלוב, א זיבניאָריקע שול, באַזונדערע געבײַדעס פונעמ דאָרפראַט, קאָאָפּעראַטיוו, מעדיצינישנ פּונקט, שפּיטאָל, וועטערינאַר־פּונקט, באָד, פּאָטשט אאַוו.

דער באַשטאַנד פונ די איבערוואַנדערער־קאָלווירטניקעס איז אינ כאַראַקטער אונ פיזישער הינזיכט זייער א גינסטיקער אונ דעריבער האַלטנ זיכ די פּראָדוקציר־צײַכנס אינ דעמ קאָלווירט אַפ דער נייטיקער ווירטשאַפטלעכער הייכ.

דער קאָלווירט פאַרמאָגט א גרויסע אָראַנזשעריי, העכער 500 ספּעקטנ, מאַלינע־פּלאַנצונגענ אונ העכער 120 בינשטאָקנ.

צומ גרעסטנ טייל אַרבעטנ די קאָלווירטניקעס זייער שלאָגלעריש אונ האָבנ צו 400 — 500 טעג־אַרבעט, אַכוץ דעמ בײַשטובּיקנ גאָרטנ, אַכוץ דער בעהיימע אינ אינדיווידועלנ באַנוץ. אַפ ווינטער־צײַט זײַנענ אינ קאָלווירט אָרגאַניזירט אייניקע געווערב־אַרטעלנ: ווי שנײַדערײַ אא. די ווײַטערדיקע פאַרגרעסערונג פונעמ פאַרזיי־שעטעכ וועט געבנ די מעגלעכקייט דעמ קאָלווירט צו אָרגאַניזירנ א גרויסע פיצוכט־פאַרמע.

## 3. קאָלווירט „איקאָר"

דער קאָלווירט איז אויכ אָרגאַניזירט אינ 1929 יאָר אַלס אײנער פונ די ערשטע איבערוואַנדערישע קאָלווירטנ אינ בירעבידזשאַנ.

דער קאָלווירט „איקאָר" געפינט זיכ 8 קילאָמעטער פונ דער אײַזנבאַנ־סטאַנציע וואָלאָטשײַעווקע (אַפ דער אײַזנבאַנ־ליניע בירעבידזשאַנ־כאַבאַראָווסק). אינ קאָלווירט האָבנ זיכ אינ 1933 יאָר געפינענ 85 פאַמיליעס (בײַ 350 נעפאַשעס), צווישנ זײ אַ באַדײַטנדיקע צאָל איבערוואַנדערער פונ אויסלאַנד.

די לאַנדווירטשאַפטלעכע באַזע פונעמ קאָלווירט „איקאָר", דער פאַרזײ־שעטעכ זײַנער איז זײער אַ קלײנער. אינ 1933 יאָר איז פאַרזײט געוואָרנ אינגאַנצנ 120 הא. עס זײַנענ אָבער פאַראַנ פערספעקטיוונ צו פאַרגרעסערנ אים אַפנ כעזשבנ פונ מעליאָראַציע. שוינ אינ 1934 יאָר דאַרפ מענ דאָ מעליאָרירנ אַ מאַסיוו ערד פונ 1000 הא.

דער קאָלווירט האָט אויסגעבויט פיל וווינ־הײַזער, אַ רײ ווירטשאַפטלעכע אונ געזעלשאַפטלעכע געבײַדעס. דאָס יאָר 1934 איז אינ דער אופלעבונג פונעמ קאָלווירט אַנ איבערבראַכ־יאָר אַ דאַנק דער סיסטעמ אָנגעמערקטע מאַסמיטלענ צו סטימולירנ דעמ ווירטשאַפטלעכנ אופשטײַג.

## 4. קאָלווירט „אַמורזעט"

דער קאָלווירט „אַמורזעט" איז געווענ דער ערשטער טריט צו באַזעצנ אַמורער פאַס מיט ייִדישע איבערוואַנדערער.

אַמורער פאַס געפינט זיכ אינ דער ווײַט פונעמ צענטער אַפ אַ דיסטאַנצ פונ 280 קילאָמעטער אונ העריבער האָט זיכ די אָרגאַניזירונג פונ נײַע פונקטנ אָנגעהויבנ ערשט אינ 1930 יאָר.

אינ קאָלווירט „אַמורזעט" געפינענ זיכ 75 איבערוואַנדערישע פאַמיליעס (העכער 300 נעפאַשעס). דער אָרגאַניזאַציאָנעלער פעריאָד איינעמ בויענ דעמ קאָלווירט האָט זיכ שוינ פאַרענדיקט. דער פאַרזײ־שעטעכ אינ 1933 יאָר האָט באַטראָפנ 600 הא אונ איז פונ יאָר צו יאָר געוואַקסנ אַפג כעזשבנ פונ אופהייבנ רויערד.

די הויפּט־קולטור אינ קאָלווירט „אַמורזעט" איז ווייץ, אָנ אָנגעזענ אָרט פאַרנעמענ דאָ אויכ די קולטורנ האָבער אונ סויע.

אז די ריכטונג פון קאָלווירט איז קאָנטער־קולטורן. ווירטשאַפטלעכ ווערט דער קאָלווירט געפירט נישט שלעכט.

### 5. קאָלווירט „לענינפעלד"

דער קאָלווירט איז געשאַפן געוואָרן אין 1933 יאָר און געפינט זיך האַרט לעבן אמורזעט — אָפ איינ ערד־מאַסיוו.

אין 1933 יאָר האָט דער פאַרזיי־שעטעכ פונעמ קאָלווירט פאַרנור־מען 260 הא, וועלכע די אמורזעטער מאַשין־טראַקטער־סטאַנציע האָט באַציִטנס צוגעגרייט פאַרן נײַעמ קאָלווירט.

אין 1933 יאָר זײַנען אין קאָלווירט „לענינפעלד" אָנגעקומען אינ־גאַנצן 25 איבערוואַנדערישע פאַמיליעס און אין 1935 יאָר דאַרפ דער קאָלווירט אופנעמען נאָכ 75 פאַמיליעס.

לויט די אסיגנירטע מעלוכישע מיטלען דאַרפ דער קאָלווירט „לע־נינפעלד" אין 1934 יאָר פאַנאַנדערוויקלען א גרויסע בויונג.

### 6. קאָלווירט „רויטע סאָפּקע"

דער קאָלווירט געפינט זיך 3 קילאָמעטער פון דער סטאַנציע בי־ראָקאַן אין מיִרעוו־זײַט פון בירעבידזשאַן.

דער קאָלווירט „רויטע סאָפּקע" איז אָרגאַניזירט אין 1933 יאָר און אדאַנק דער ריכטיקער אָנפירונג מיט דער בויונג איז שוין אין דעמ ערשטן יאָר געשאַפן געוואָרן א פעסטע באַזע פאַר א מוסטער־האַפטיקן איבערוואַנדערישן קאָלווירט.

אין 1933 יאָר האָט דער קאָלווירט אופגענומען 25 איבערוואַנדע־רישע פאַמיליעס און לויטן פּלאַן דאַרפ ער אין 1934 יאָר אופנע־מען נאָכ 25 פאַמיליעס.

דער פאַרזיי־שעטעכ אין דעמ קאָלווירט קאָן געשאַפן ווערן נאָר דורכ א שווערער אויסוואָרצלונג פונעמ באָדן. לויט דעמ מינימאַלן פּלאַן מוז דער פאַרזיי־שעטעכ צו פריִלינג 1934 יאָר דערהפירט ווערן ביז 300 הא.

דער קאָלווירט האָט שוין אין 1933 יאָר באַוויזן אויסצובויען 25 הײַזער פאַר די קאָלווירטניקעס, אויכ פאַר א שול, א גאָרקיכ און נאָכ אנדערע ווירטשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע געבײַדעס.

מע דאַרפ אונטערשטרײַכן, אז סײַ די אָרגאַניזירטע קאָלווירטן אין 1933 יאָר — „לענינפעלד" און „רויטע סאָפּקע" — אזוי אויכ די

נײַסטע איבערוואנדערישע קאָלווירטן, וואָס ווערן אָרגאַניזירט אין 1934 יאָר, ווערן פון אָנהייב אָן פּלאַנירט אַפּ צו שאַפן אַן אייגענע דערנערונג־באַזע אין געגנט.

## III. די נײַע איבערוואנדערישע קאָלווירטן

לויטן פּלאַן ווערן אין 1934 יאָר אָרגאַניזירט נײַע קאָלווירטן אין פּאָלגנדיקע פּונקטן:

### 1. „אַלעקסײַעווקע"

דער באַצירק אַלעקסײַעווקע געפינט זיך אַפּ 60 קילאָמעטער פון שטאָט בירעבידזשאַן און 5 קילאָמעטער פונעם קאָלווירט „בירע־פעלד". די מעליאָראַטיווע אַרבעט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַפּ דעם באַצירק נאָך אין 1930 יאָר, האָט זיך פּאַרענדיקט אין 1933 יאָר און איצט האָבן מיר דאָרט 1000 הא צוגעגרייטע ערד, פון זיי קאָנען 500 הא עקספּלואַטירט ווערן שוין אין 1934 יאָר. פּאַראַן אויך גרייטע 50 הײַזער, א קי־שטאַל, א פּערד־שטאַל, א שול און נאָך פיל נייטיקע ווירטשאַפטלעכע און געזעלשאַפטלעכע געבײַדעס.

ווי עס איז צו זען, געפינט זיך דער באַצירק אַלעקסײַעווקע נאָענט צו פיל באַזעצטע פּונקטן, אויך צום קאָלווירט „בירעפעלד".

דער באַצירק אַלעקסײַעווקע ליגט אַפּ א גוטן נײַ־אויסגעבויטן וועג מיכײַלאָ־סעמיאָנאָווסק — בירעפעלד — בירעבידזשאַן. דאָס אַליין מאַכט דעם באַצירק אַלעקסײַעווקע פּאַר איינעם פון די בעסטע ערטער אַפּ צו בויען נײַע איבערוואנדערישע קאָלווירטן.

אין אַלעקסײַעווקע דאַרף אַנטוויקלט ווערן דעריקער א קער־נער־ווירטשאַפט. דערבײַ דאַרף ווייץ פּאַרנעמען דעם אויבנאָן.

די גרויסע פּיטער־לאַנקעס, וואָס געפינען זיך דערנעבן, גיבן די מעגלעכקײַט צו אָרגאַניזירן אויך א פּיצוכט־פּערמע באַם קאָלווירט.

דער קאָלווירט אַפּן באַצירק אַלעקסײַעווקע דאַרף אופנעמען אין 1934 יאָר 100 פּאַמיליעס.

### 2. „ניקיפּעלעווע"

דער ערד־באַצירק „ניקיפּעלעווע" געפינט זיך 45 קילאָמעטער ווײַט פון דער שטאָט בירעבידזשאַן, אַפּן וועג בירעבידזשאַן—נאַרעזשדינאָ.

די ערד־מאסיוונ פונ דעמ באצירק געפינענ זיכ אפנ לינקנ ברעג פונעמ טײַכ בירא און אפ ביידע ברעגנ פונעמ טײַכ א י ק ו ר א. גרייטע, ווייכע ערד, וואָס מע קאָנ גלײַכ עקספּלואטירנ, איז פאראנ בא 200 הא. די איבעריקע שטרעקעס ערד מוז מעג ערשט אויסקאָרטשעווענ. לויט די באָדנ־באדינגונגענ פונ דעמ ערד־באצירק איז מעגלעכ דאָרט אָרגאניזירנ א קערנער־קאָלווירט.

## 3. „קאזאנקא"

דער באצירק קאזאנקא געפינט זיכ 5 קילאָמעטער פונעמ ערד־באצירק „ניקיפעלעווע" און 50 קילאָמעטער פונ דער שטאָט בירעבידזשאנ. די באדינגונגענ אפ אָרגאניזירנ א קאָלווירט זײַנענ דאָ פונקט די זעלבע, ווי אפנ באצירק „ניקיפעלעווע". די ערד־מאסיוונ געפינענ זיכ אפנ רעכטנ ברעג פונעמ טײַכ בירא. קיינ גרייטע, ווייכע ערד איז אפנ באצירק ניט פאראנ. און מע מוז גלײַכ אָנהייבנ קאָרטשעווענ.

דער נײַ־אָרגאניזירטער קאָלווירט דארפ שוינ אינ 1934 יאָר אופנעמענ 50 איבערוואנדערישע פאמיליעס, וועלכע דארפנ אקטיוו זיכ באטייליקנ אינעמ אויסבויענ דעמ קאָלווירט.

## 4. „דעזשניאָווקע"

דער באצירק דעזשניאָווקע געפינט זיכ 140 קילאָמעטער פונ דער שטאָט בירעבידזשאנ, צווישנ די אײַזנבאנ־סטאנציעס ניקאָלײַעווקע און דעזשניאָווקע.

די ערד־מאסיוונ פונ דעמ באצירק גרענעצנ זיכ מיט דער אײַזנבאנ־ליניע פונ דאָרעמ־זײַט און מיטנ טײַכ טונגוסקע פונ צאָפנ־זײַט. דאָ וועט זיכ אָרגאניזירנ א קאָלווירט אפ 50 איבערוואנדערישע פאמיליעס.

## 5. „פוזינאָ", „קוואשנינאָ" און אנדערע באצירקנ

ווי מיר האָבנ שוינ פריער אָנגעוויזנ, איז די באהערשנג פונעמ אמורער פאס דורכ איבערוואנדערער געגאנגענ זייער לאנגזאמ.

אינ די זעקס יאָר קאָלאָניזאציע פונ בירעבידזשאנ זײַנענ דאָ געשאפנ געוואָרנ נאָר צוויי קאָלווירטנ — „אמורזעט" און „לענינפעלד", אינ דער צײַט, ווענ באמ אמורער פאס געפינענ זיכ גאנצ גרויסע דורכוויסיקע ערד־מאסינ, וואָס קאָנענ אויסגענוצט ווערנ אָנ אויס־

וואָרצלונג און אויכ אָנ מעליאָראַציע. דערביי שטייענ אינ א סאַכ באַצירקנ פֿונעמ אַמורער פּאַס פּאַרטיקע ווינ־הייזער און ווירטשאַפֿטלעכע געביידעס, וועלכע מע קאָנ אויסניצנ אַפֿ באַזעצנ איבערוואַנדערער.

דעריבער האָט אינעמ באַשטעטיקטנ פּלאַנ פֿונ 1934 יאָר פֿאַרנומענ א גרויס אָרט דאָס אָרגאַניזירנ אַפֿ די אָנגעוויזענע באַצירקנ נײַע איבערוואַנדערישע קאָלווירטנ. עס איז אָנגעמערקט אײַנצואָרדענענ באַמ אַמורער פּאַס אינ 1934 יאָר ניט ווייניקער ווי 150 איבערוואַנדערישע פֿאַמיליעס אינ די באַצירקנ פּוזינאַ, קוואַשנינאַ אאַ.

גרויסע ווירטשאַפֿטלעכע און אָרגאַניזאַציאָנעלע הילפֿ וועלנ באַקומענ די ניי־אָרגאַניזירטע קאָלווירטנ פֿונ דער אַמורזעטער מאַשינ־טראַקטאָר־סטאַנציע, וועלכע הייבט אָנ באַדינענ די קאָלווירטנ גלײַכ פֿונעמ ערשטנ מאָמענט פֿונ זייער עקזיסטענצ. אינ 1934 יאָר קאָנ דער פּאַרזיי־שעטעכ פֿונ די נײַע קאָלווירטנ דערפֿירט ווערנ ביז 500 — 600 האַ.

נעמענדיק אינ אכט די נייטיקײַט אַנטשיידנ מיטצוהעלפֿנ די אַלטע איבערוואַנדערישע קאָלווירטנ צו פֿאַרענדיקנ זייער אָרגאַניזיר־פּעריאָד, ווי אויכ מאַקסימאַל פֿאַנאַנדערוויקלענ די בויונג פֿונ די נײַע איבערוואַנדערישע קאָלווירטנ — האָט די רעגירונג אַסיגנירט פֿאָלגנדיקע מיטלענ אינ 1934 יאָר:

אַפֿ פֿאַרענדיקנ די בויונג פֿונ די אַלטע איבערוואַנדערישע קאָלווירטנ „בירעפֿעלד“, „איקאָר“, „וואַלדהיימ“ און „אַמורזעט“ איז אַסיגנירט א מיליאָנ מיט 5 טויזנט רובל, פֿונ זיי 520 טויזנט אַפֿ פֿאַרענדיקנ די קאָמונאַלע בויונג און הײַזער־בויונג און 485 טויזנט אַפֿ אויסוואָרצלונג, וועג־בויונג, אופֿאַקערנ רויערד אאַוו. אַפֿ אויסבויענ נײַע איבערוואַנדערישע קאָלווירטנ אַלעקסייעווקע, ביקיפּעלעווע, קאַזאַנקע, דעזשניאָווקע אאַ. און אַפֿ פֿאַרענדיקנ די בויונג פֿונ די קאָלווירטנ „לענינפֿעלד“ און „רויטע סאָפּקע“, וועלכע האָבנ זיכ אָרגאַניזירט אינ 1933 יאָר, איז אַסיגנירט געוואָרנ א מיליאָנ מיט 945 טויזנט רובל אַפֿ קאָרטשעווענ, אופֿאַקערנ רויערד, וועג־בויונג, ערד־אײַנאָרדענונג אאַ. און א מיליאָנ 980 טויזנט רובל אַפֿ הײַזער־בויונג, אַפֿ אײַנקויפֿנ קי, פֿערד אאַ.

אַכוצ די אַלע אָנגעוויזענע סומעס האָט די רעגירונג נאָכ אַסיגנירט א מיליאָנ מיט 200 טויזנט רובל ספּעציעל אַפֿ מעליאָרירנ ניט

ווייניקער ווי 3700 הא. ארום אונ ארום באטרעפנ די אסיגנירונגענ בא 6 מיליאָנ רובל. מע דארפ גאָר זענ, אז די מעלוכישע מיטלענ זאָלנ ווירטשאפטלעכ אונ אפ א באָלשעוויסטישנ אופנ פארניצט ווערנ.

## IV. די ראטווירטנ

אינ דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט זיינענ אָרגאניזירט אונ עק־זיסטירנ פינפ ראטווירטנ:

1. בירעבידזשאנער טווע־ראטווירט „סטאלינפעלד“.
2. וואָלאָטשייעווקער באזיירים־ראטווירט.
3. פאָקראָווקער פוטער־ראטווירט.
4. אמוראבירער פלייש־ראטווירט „נאדעזשדינאָ“.
5. ביגאנער בינענצוכט־ראטווירט.

### 1. בירעבידזשאנער טווע־ראטווירט

דער בירעבידזשאנער טווע־ראטווירט געפינט זיכ הארט באם ברעג אמור אינ סטאלינפעלד אפ א דיסטאנצ פונ 240 קילאָמעטער פונ דער שטאָט בירעבידזשאנ.

דער ראטווירט איז אָרגאניזירט אינ 1930 יאָר אונ שוינ אינ 1933 יאָר האָט ער באוויזנ צו פארזייענ 5775 הא פונ די 6897, וואָס אלע ראטווירטנ צוזאמענ האָבנ פארזייט.

זיינ פארזיי־פלאנ האָט דער בירעבידזשאנער טווע־ראטווירט אויסגעפילט אינגאנצנ אפ 87%. דאָכ איז ער לויט די הויכע פראָדו־ציר־צייגער באם פארזיי אונ בא דער אראָפנעמ־קאמפאניע (אבוצ סויע) געגאנגענ פאָרויס קעגנ אלע ראטווירטנ ניט נאָר אינ געגנט, נאָר אינעמ גאנצנ ווייטמיזרעכדיקנ קאנט.

פונ דעמ פארזיי־שעטעכ 5775 הא איז מיט ווייצ פארנומענ געווענ 1516 הא, מיט האָבער — 1600 הא אונ מיט סויע — 2657 הא.

דער פארזיי־שעטעכ פונעמ ראטווירט וועט סיסטעמאטיש פאר־גרעסערט ווערנ. מיט גרויסע טעמפנ וועט אויכ וואקסנ דער פארזיי פונ ווייצ.

א באדייטנדיק אָרט אינעמ זיי־פארקער פונ ראטווירט וועט פאר־נעמענ סויע, וועלכע וואקסט זייער גוט אפ די ברעגנ פונ אמור אונ ברענגט גוטע גערעטענישנ. פאר דעמ איינ יאָר 1933 האָט זיכ איינ־געגעבנ דעמ ראטווירט דורכצופירנ א קאָלאָסאלע מעליאָראטיווע אר־

בעט אפ אנ ערד-מאסיוו פונ 5000 הא. דער אויסגעטריקנטער ערד-מאסיוו איז טיילווײַז שוינ עקספּלואַטירט געוואָרנ אינ 1934 יאָר אונ וועט אינגאַנצנ פאַרזייט ווערנ אינ 1935 יאָר.

די פאַראַנענע אינ ראַטווירט באַ 100 טראַקטערס, קאָמבײַנעס אונ פיל אנדערע קאָמפּליצירטע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינעס זײַנענ א מעכטיקע טעכנישע באַזע, וואָס גאַראַנטירט מאַקסימאַל די מעכאַניזירונג פונ די גרינטלעכסטע פּראָדוציר-פּראָצעסנ.

אינ ראַטווירט געפינענ זיכ באַ 500 אַרבעטער (באַ 1500 נעפּאַשעס). די מערהײַט זײַנענ איבערוואַנדערער, צווישנ זיי 300 אויסלענדער פונ ליטע, וועלכע האָבנ זיכ דאָרט פעסט באַזעצט אינ 1931 יאָר.

די בויונג פונעם ראַטווירט איז פאָרגעקומענ מיט שטאַרקע טעמפּנ אונ שוינ פאַר די ערשטע צוויי יאָר האָט דער ראַטווירט באַוויזנ צו באַזאָרגנ אַלע אַרבעטער מיט גוטע וווינונגענ, אויסגעבויט א באַדײַטנדיקע צאָל ווירטשאַפטלעכע געבײַדעס, ווי א מאַשינ-טראַקטער-וואַרשטאַט, עלעקטראָסטאַנציע, א שול, א מעדיצינישנ פונקט, א גאַרקיכ, א קלוב אאוו.

דער פּאָליט-אָפּטייל גיט אַרויס א געדרוקטע צײַטונג אפ יידיש אונ רוסיש, וואָס באַלײַכט דאָס לעבנ פונ ראַטווירט מיט זײַנע פינפ פּראָדוציר-באַצירקנ. אינ 1933 יאָר איז אינ ראַטווירט געווענ גוט אָרגאַניזירט די דערנערונג פונ די אַרבעטער. דאָס איז געווענ דער רעזולטאַט פונ א גרויסער אַרבעט, וואָס דער ראַטווירט האָט דורכגעפירט אפ שאַפנ בײַשטאַטישע אונ בײַשטיבּיקע גערטנער.

דער ראַטווירט האָט אויסגעבויט א ספּעציעלע צווייִשטאָקיקע געבײַדע פאַרנ ט ע כ נ י ק ו ם פונ סאָציאַליסטישער לאַנדווירטשאַפט.

שוינ אינ 1934 יאָר וועט דער טעכניקום געבנ דעמ ערשטנ אַרויסלאָז — אַגראָנאָמענ, וואָס וועלנ אַרבעטנ ניט נאָר אינ ראַטווירט, נאָר אויכ אינ די מאַשינ-טראַקטער-סטאַנציעס פונ געגנט. אפ ווײַטער וועלנ זײַנע אַגראָנאָמענ אַרבעטנ איבערנ גאַנצנ ווײַטמיזרעכדיקנ קאַנט. באַמ טעכניקום פונקציאָנירנ אויכ יערלעכע קורסנ אפ צוגרייטנ טראַקטעריסטנ.

צוזאַמענ מיט דער אופגאַבע פונ פאַרבעסערנ זײַנע פּראָדוציר-צײַגערס, אינטענסיווער זיכ שלאָגנ פאַר דורכפירנ די ריכטיקע אַגראָטעכניק אונ פאַר העכערנ די גערעטעניש דאַרפ אויכ דער ראַטווירט

זענ א סאכ בעסער צו פארפעסטיקנ די איבערוואנדערער און זיכ דערשלאָגנ צו ליקווידירנ דעמ מינדסטנ אָפּפלוס.

דער אָנגעמערקטער פלאנ אפ אופנעמענ אינ 1934 יאָר נײַע 150 איבערוואנדערישע פאמיליעס איז א שלאָג־אופגאבע סײַ פארנ פאליטאָפּטייל אזוי אויכ פאר דער אדמיניסטראציע פונעמ ראט־ווירט.

## 2. וואָלאָטשײַעווקער כאזײרימ־ראטווירט

דער כאזײרימ־ראטווירט האָט זיכ אָרגאניזירט אינ 1934 יאָר בא דער אײַזנבאנ־סטאנציע וואָלאָטשײַעווקע, וואָס געפינט זיכ אפ 50 קילאָמעטער ווײַט פונ כאבאראָווסק.

דער ראטווירט האָט בא הײַנטיקנ טאָג באַן 200 כאזערטעס־מוטערס. לויט זײַנע פראָדוציר־אופגאבנ דארפ דער ראטווירט שפילנ א גרויסע ראָליע אינ באזאָרגנ מיט פלייש די ארבעטער פונ געגנט. זײַנ מינימאלע פראָגראמ איז פונ 1200 ביז 1500 כאזײרימלעכ א יאָר, וואָס דארפנ זיכ האָדעווענ א פיר־פינפ כאדאָשימ און געבנ אנערעכ בא 100 טאָנ פלייש. אָבער די ביז איצטיקע שלעכטע האָדעוואניע פונ די כאזײרימ און כאזײרימלעכ האָט סיסטעמאטיש אונטערגעריסנ דעמ פראָדוציר־פלאנ פונ ראטווירט. דער הויפט־פעלער פונ ראטווירט באשטייט אינ דעמ, וואָס ביז איצט האָט ער ניט פארגרעסערט זײַנ פארזײ־שעטעכ, קעדײ קאָנענ שאפנ אנ אייגענע פיטער־און שפײַז־באזע.

אינ ראטווירט איז אינגאנצנ פארזייט געווענ אינ 1933 יאָר 94 הא פונ די 100 הא, וואָס געפינענ זיכ אינ זײַנ רעשוס. אָבער פאקטיש האָט דער פארזײ־שעטעכ געקאָנט גרינג פארגרעסערט ווערנ דורכ קארטשאָווקע און טיילווײַזער מעליאָראציע אפ א גרויסנ מאסיוו.

פארשטייט זיכ, אז מיטנ דורכפירנ די נייטיקע מעליאָראציע אינ ברייטנ מאסשטאב וואָלט זיכ ראדיקאל פארבעסערט די לאגע פונ ראטווירט און פארגרעסערט די פראָדוקציע.

דער ראטווירט האָט אויסגעבויט כאזײרימ־שטאלנ אפ א טשערעדע פונ 500 כאזײרימ און א רײ אנדערע ווירטשאפטלעכע און געזעל־שאפטלעכע געבײַדעס. אויב אינ דער נאָענטסטער צײַט וועט ער נאָכ דורכפירנ די נייטיקע קארטשאָווקע און מעליאָראטיווע ארבעט, האָט דער ראטווירט די פולע מעגלעכקײַט צו זײַנ צווישנ די פאָרגעשריטנס־טע פיצוכט־ראטווירטנ.

א באַדײַטנדיקע צאָל ארבעטער אינעם ראַטווירט זײַנען איבערוואַנדערער, אָבער אינ הינזיכט פונ פאַרפעסטיקנ בא זיך די איבערוואַנדערער אונ אופנעמענ נײַע שטייט נאָך פאַר דעם ראַטווירט דורכצופירנ א גרויסע ארבעט.

## 3. פּאָקראָווקער פּוטער־ראַטווירט

דער פּוטער־ראַטווירט האָט זיך אָרגאַניזירט אינ 1930 יאָר בא דער אײַזנבאַנ־סטאַנציע פּאָקראָווקע, 20 קילאָמעטער פונ דער שטאָט כאַבאַראָווסק. אינ ראַטווירט זײַנען פאַראַנ 300 מעלקעדיקע בעהיימעס אונ בא צוויי הונדערט יונגפי.

דער ראַטווירט צייכנט זיך אויס מיט זײַנ גוט אונ ריכטיק אויסגעשטעלטער ווירטשאַפט אונ מיטנ ריכטיקנ אַרומגיינ אַרום די בעהיימעס אונ יונגפי.

דעם פאַרזיי־פּלאַנ פונ 1933 יאָר האָט דער ראַטווירט אויסגעפילט אופ 102% אונ האָט פאַרזייט 413 הא. דער פאַרזיי־שעטעכ פונ ראַטווירט וועט סיסטעמאַטיש וואַקסנ, ווײַל גוטע רויערד איז פאַראַנ גענוג. צוזאַמענ דערמיט וועט אויכ וואַקסנ די צאָל מעלקעדיקע בעהיימעס אונ בעמיילע וועט שוינ וואַקסנ אויכ די פּראָדוקציע פונעמ ראַטווירט.

אַדאַנק דער נאָענטקײַט צו דער שטאָט כאַבאַראָווסק פירט אהינ אַרויס דער ראַטווירט זײַנ פּראָדוקציע (מילכ אונ פּוטער) פאַר די כאַבאַראָווסקער אַרבעטער.

די מערהײַט אַרבעטער פונעמ קאָלווירט זײַנען איבערוואַנדערער, וואָס אַרבעטנ שלאָגלעריש סײַ אינ די פעלד־בריגאַדעס, אַזוי אויכ אינ די פיצוכט־בריגאַדעס. מיטנ פאַנאַנדערוואַקסנ פונ דער ווירטשאַפט וועט דער ראַטווירט פאָדערנ אונ קאָנענ פאַרפעסטיקנ נאָך הונדערטער איבערוואַנדערער.

## 4. אַמוראַבירער פלייש־ראַטווירט

דער ראַטווירט איז אָרגאַניזירט געוואָרנ אינ 1930 יאָר אופנ ערד־באַצירק נאָרעזשרינאָ, 70 קילאָמעטער פונ דער שטאָט בירע־בידזשאַנ.

דער באַצירק, ווו עס געפינט זיך דער ראַטווירט, האָט אַרומ זיך גרויסע ערד־מאַסיוונ, וואָס קאָנענ אָבער אויסגענוצט ווערנ נאָר נאָך א

באדײַטנדיקער מעליִאָראציע. אינ 1932 יאָר האָט דער ראטווירט פארמאָגט 2500 פלייש-בעהיימעס, נאָר איבער דעמ שלעכטנ אָרגאניזאציאָנעלנ צושטאנד אונ ווירטשאפטלאָזיקײַט האָט זיכ אָט די טשערעדע קאטאסטראָפיש פארקלענערט. די הויפט-סיבע, וואָס האָט געבראכט דעמ ראטווירט צו אזא שלעכטנ צושטאנד, איז געלעגנ אינ דעמ, וואָס די אָנפירער פונעמ ראטווירט האָבנ געשטרעבט צו פארגרעסערנ די צאָל בעהיימעס אבסאָליוט ניט רעכנענדיק זיכ דערמיט, וואָס זיי האָבנ ניט געשאפנ קיינ אייגענע פיטער-באזע. די אָנפירער פונעמ ראטווירט האָבנ באצײַטנס ניט געשטעלט געגנ שארפ די פראגע וועגנ דער נייטיקײַט דורכצופירנ מעליִאָראטיווע ארבעט, וואָס אָנ איר קאָנ מענ ניט אויסניצנ די פאראנענע גרויסע ערד-מאסיוונ. אָבער די קאנטישע אָנפירנדיקע אָרגאניזאציעס האָבנ זיכ פארינטערעסירט מיט דער געשאפענער לאגע אינעמ ראטווירט אונ האָבנ באשטימט פאנאנדערוויקלענ זײַנ ארבעט. עס איז אויכ באשטעטיקט געוואָרנ דער ווירטשאפטלעכער פלאָנ פונעמ יאָר 1934, לויט וועלכנ דער ראטווירט דארפ פארזייענ 700 הא אונ האָדעווענ 300 פלייש-בעהיימעס.

די נאָענטסטע שלאָג-אויפגאבע, וואָס שטייט פאר דעמ ראטווירט, איז — וואָס גיכער דורכצופירנ די וויכטיקסטע מעליִאָראטיווע ארבעט אפ א שעטעכ פונ 5000 הא.

דער אמוראבירער ראטווירט קאָנ אינ די נאָענטסטע יאָרנ גרינג פארנעמענ א באדײַטנדיק אָרט צווישנ די פיצוכט-ראטווירטנ פונ דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט, אָבער נאָר בא דעמ באדינג, ווענ עס וועט באצײַטנס דורכגעפירט ווערנ די נייטיקע מעליִאָראציע.

## 5. כינגאנער בינענצוכט-ראטווירט

דער כינגאנער בינענצוכט-ראטווירט געפינט זיכ בלויז 2 קילאָמעטער ווײַט פונ דער אײַזנבאנ-סטאנציע — בירא.

אינ 1933 יאָר האָט דער ראטווירט געהאט ביז 10 טויזנט בינשטאָקנ, וואָס האָבנ לויטנ פראָדוציר-פלאָנ געדארפט געבנ אומגעפער פונ 8000 ביז 10.000 פוד האָניק.

דער ראטווירט האָט א וויכטיקע באדײַטונג פארנ קאנט אונ לויט זײַנע פראָדוציר-צײַגערס איז ער איינער פונ די פאָרגעשריטענע ראטווירטנ.

## V. די בײַשטאָטישע ווירטשאַפטנ

אינ הינזיכט פונ אָרגאַניזירנ בײַשטאָטישע ווירטשאַפטנ איז דאָס יאָר 1933 געווענ אַנ איבערבראָכ־יאָר, ווענ עס איז געשאַפנ געוואָרנ די באַזע פאַר דער ווײַטערדיקער אַנטוויקלונג פונ דער בײַשטאָטישער גערטנערײַ. קימאַט יעדע אונטערנעמונג, אַרטעל און אַנשטאַלט, ווי אויכ די מערהײַט קאָלווירטניקעס און אַרבעטער, האָבנ זיכ געשאַפנ בײַשטאָטישע ווירטשאַפטנ, קאָלעקטיווע און אינדיווידועלע גערטנער.

דער פאַרזיי־שעטעכ פונ דער בײַשטאָטישער ווירטשאַפט האָט אינ יאָר 1933 באַטראָפנ 1247 הא, פונ זיי איז מיט קאַרטאָפל געווענ פאַרנומענ 540 הא און מיט איבעריקע מינימ גערטנערײַ 707 הא.

לויט די קלימאַט־און באָדנ־באַדינגונגענ פונ דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט קאָנ די גערטנערײַ געבנ די גרעסטע גערעטעניש. עס פעלט נאָר די געהעריקע באַציִונג צו דער אַנטוויקלונג פונ דער בײַשטאָטישער ווירטשאַפט בײַ איינִיקע טוער. און וואָלט נאָר די באַאַרבעטונג פונ די בײַשטאָטישע פעלדער און גערטנער געפירט ווערנ מער זאָרגזאַמ, וואָלט די גערעטעניש שוינ אינ 1933 יאָר אויכ געקאָנט זײַנ אַ פיל העכערע. דאָרט, וווּ מע איז גוט אַרומגעגאַנגענ און געפירט אַ סיסטעמאַטישנ קאַמפ מיט די מיסטגראָזנ, דאָרטנ האָט מענ פונ אַ העקטאַר באַקומענ צו 150 צענטנער קאַרטאָפל און 175 צענטנער קרויט. די דורכשניטלעכע גערעטעניש פונ דער גערטנערײַ איז אָבער געווענ אינ 1933 יאָר: קאַרטאָפל — 77 צענטנער פונ הא, קרויט — 100 צענטנער, פּאָמידאָרנ — 108 צענטנער, אוגערקעס — 83 צענטנער אאַוו.

די אַנטוויקלונג פונ דער בײַשטאָטישער ווירטשאַפט מוז אויפגעשטעלט ווערנ אינ צענטער פונ דער אַרבעט בײַ דער געברויכ־קאָאָפּעראַציע. אינ 1933 יאָר האָט די געברויכ־קאָאָפּעראַציע פאַרזייט 660 הא און אינ 1934 יאָר האָט זי געזאָלט פאַרזייענ 800 הא.

אינ פראַט פונ באַקומענ אייגענע זריע־מאַטעריאַלנ האָט בירעבידזשאַנ גרויסע דערגרייכונגענ: שוינ אינ יאָר 1934 איז די בײַשטאָטישע ווירטשאַפט געווענ באַזאָרגט מיט אייגענער זריִע, אַזוי אַז די געגנט נייטיקט זיכ ניט אינ קיינ זריִע פונ צענטער.

שלעכט איז נאָכ די לאַגע מיטנ אויפהאַלטנ די קאַרטאָפל און אַנ־

דערע גרינסנ. אפ דעמ גיט די היגע געברויכ־קאָאָפעראציע אָפ נאָכ וויניק אכט. עס מוז גייטיק ברייט פאנאנדערגעוויקלט ווערנ די בויונג פונ קעלערס, שפייכלערס אאוו.

אינ רעשוס פונ דער געברויכ־קאָאָפעראציע געפינענ זיכ אינ די ביישטאָטישע ווירטשאפטנ 182 מעלקעדיקע בעהיימעס, 238 כאזיירימ (67 מוטערס) אונ 76 פערד. „דער „צענטערפארבאנד" האָט געדארפט לויטנ פלאנ פונ 1934 יאָר געבנ בירעבידזשאנער אָפטיילונג: גייע 100 בעהיימעס, 150 כאזערטעס־מוטערס, 230 קראָליקעס, 25 פערד אונ 2 טראקטערס.

די ביישטאָטישע ווירטשאפט דארפ אונ קאָנ ווערנ א מעכטיקע באזע אפ מאקסימאל צו פארגרעסערנ אונ פארבעסערנ די דערנערונג פונ די ארבעטנדיקע אינ דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט.

## VI. דער וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט פאר לאנדווירטשאפט

אינ דער סיסטעמ פונ דער פארבאנדישער לאנדווירטשאפטלעכער אקאדעמיע אפ לענינס נאָמענ גייט אויכ אריינ דער בירעבידזשאנער וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט פאר לאנדווירטשאפט, וואָס איז אָרגאניזירט געוואָרנ אינ 1933 יאָר.

דאָס איז געווענ אמאָל א פארוואָרפענער, מעטעאָראָלאָגישער פונקט אינ דער טייגע, וועלכער האָט ביז דער אָרגאניזירונג פונעמ בירעבידזשאנער ראיאָנ געהאט אפ זיכ גאנצ שמאָלע אופגאבנ. אינ 1928 יאָר איז דער דאָזיקער פונקט פארוואנדלט געוואָרנ אינ דער בירער פרווו־סטאנציע, געפינענדיק זיכ 10 קילאָמעטער פונעמ קאָלווירט „בירעפעלד" אונ 20 קילאָמעטער פונ דער שטאָט בירעבידזשאנ. די דאָזיקע סטאנציע איז פאקטיש געווענ דער צענטער פונ דער יידישער איבערוואנדערונג אונ אפ איר באצירק האָט זיכ אָנגעהויבנ די ערשטע באזעצונג פונ די איבערוואנדערער.

דעמ פארשטאָרבענעמ פראָפעסער יאָזעפאָוויטש מיט זיינע נאָענטסטע מיטארבעטער האָט זיכ איינגעגעבנ אפ דער סטאנציע צוזאמענשטעלנ א טאלאנטפולע קארטע פונ בירעבידזשאנער ראיאָנ, וואָס גיט א גענויע פאָרשטעלונג וועגנ די באָדנ־אייגנשאפטנ פונ יעדנ ערד־מאסיוו באזונדער. א שטיק צייט האָט די בירער פרווו־סטאנציע אויכ עקזיסטירט ווי א זאָנאלע וויסנשאפטלעכע סטאנציע אונ געשאפנ

ערנסטע אונ אינטערעסאנטע מעטעאָראָלאָגישע מאטעריאלנ אונ באָדנ־מאטעריאלנ וועגנ בירעבידזשאנ.

דער דאָזיקער איינציקער וויסנשאפטלעכער אנשטאלט האָט געשעפט זײַנע קאדרענ פונ צווישנ די איבערוואנדערער. די מערהײַט פונ זײַנע איצטיקע פאראנטוואָרטלעכע טוער זײַנענ אויסגעשמידט געוואָרנ פונ ייִדישע איבערוואנדערער, וועלכע די סטאנציע האָט ארײַנגעצויגנ אונ פארינטערעסירט אינ דער וויסנשאפטלעכער ארבעט.

לויט דער באשטימונג פונ דער פארבאנדישער לאנדווירטשאפטלעכער אקאדעמיע אפ לענינס נאָמענ איז די זאָנאלע פרוּוו־סטאנציע פארוואנדלט געוואָרנ אינ א וויסנשאפטלעכנ אינסטיטוט פאר לאנדווירטשאפט מיט א ברייטער וויסנשאפטלעכער פראָגראם פונ פאָרשנ אונ פעסטשטעלנ די בעסטע מינימ זריִע פונ קערנער־קולטורנ, סויע אא. פאר דער היגער לאנדווירטשאפט, אויסגעפינענ מיטלענ צו פארבעסערנ די פיצוכט, בינענצוכט, דורכפירנ פרוּוו־ארבעט אפנ געביט פונ מעליִאָראציע.

לויט נאָכ זײַנע אויפגאבנ האָט דער אינסטיטוט געשאפנ פאָלגנדיקע אָפּטײלונגענ: סעלעקציע, פיצוכט, אגראָטעכניק, מעכאניזירונג, עקאָנאָמיק אא. דער בידזשעט פונעמ אינסטיטוט האָט אינ 1934 יאָר באטראָפנ 600 טויזנט רובל.

# אפנ געביט פונ אינדוסטריע

## I. דער לאנדאָקער קאלכ־זאוואָד

אפ דער באזע פונ גרויסע קאלכ־רעזערוונ איז אויסגעבויט געוואָרנ בא דער אײַזנבאנ־סטאנציע לאנדאָקא א קאלכ־זאוואָד, וואָס געפינט זיכ 150 קילאָמעטער צו מערעוו פונ דער שטאָט בירעבידזשאנ.

דער לאנדאָקער קאלכ־זאוואָד האָט גרויסע הערגרייכונגענ אפנ גע־דײַטונג פארנ גאנצנ ווײַטמיזרעכדיקנ קאנט אינ הינזיכט פונ באזאָרגנ די בויונגענ מיט קאלכ.

לויטנ פראָדוציר־פלאנ דארפ דער זאוואָד אינ 1934 יאָר ארויסגעבנ טויזנט טאָנ קאלכ. אָבער נאָכ דער מעכאניזירונג פונ די ארבעט־פראָצעסנ, וואָס דארפ דורכגעפירט ווערנ אינ יאָר 1934, וועט די פראָדוקציע פונעמ זאוואָד באדײַטנדיק אויסוואקסנ.

אינ 1933 יאָר האָבנ אינ זאוואָד געארבעט העכער 400 ארבעטער,

70 פראָצענט פונ זיי זיינענ געווענ איבערוואנדערער, געקומענ פונ די קליינע שטעטלעכ פונ אוקראינע אונ ווייסרוסלאנד. די איבעריקע אר־בעטער זיינענ קאריייער, רוסנ, אוקראינער אונ טאָטערנ. אפנ זאוואָד ארבעט אויכ א גרופע אויסלענדישע יידישע איבערוואנדערער פונ פא־לעסטינע, פוילנ, דייטשלאנד אונ בעלגיע. די אויסלענדער פילנ אויס זייער שלאָגלעריש אלע פראָדוציר־אופגאבנ.

דער לאנדאָקער קאלכ־זאוואָד האָט גרויסע דערגרייכונגענ אפנ גע־ביט פונ בויענ הייזער פאר די ארבעטער. די מערהייט וווינונגענ האָט עלעקטרישע באליייכטונג.

## II. זאוואָד פונ סטאנדארטע הייזער

די בויונג פונ בירעבידזשאנ ווערט אינ א געוויסער מאָס פאר־האלטנ איבערנ אויספעלנ פונ פארטיקע בוי־מאטעריאלנ. א זאוואָד, וואָס מאכט סטאנדארטע טיילנ, פונ וועלכע עס קאָנענ צונויפגע־שטעלט ווערנ פארטיקע הייזער, וואָלט דעריבער געשפילט א גוואלדי־קע ראָליע אינ דער אויסבויונג פונ דער געגנט.

אינ 1931 יאָר האָט דער „צענטערוויגפארבאנד" טאקע אָנגעהויבנ בויענ אזא האָלצ־קאָמבינאט, וואָס האָט געדארפט לויטנ פראָדוציר־פלאנ יערלעכ ארויסגעבנ א באדייטנדיקע צאָל סטאנדארטע הייזער, וואָס וואָלטנ אינ א גרויסער מאָס פארגרינגערט די בויונג פונ דער געגנט. אָבער די בויונג פונעמ זאוואָד איז גע־גאנגענ מיט א גרויסנ דורכרייס; אָנשטאָט 1000 ארבעטער האָבנ אינ 1933 יאָר געארבעט אפנ זאוואָד אינגאנצנ בא 300 ארבע־טער. דאָס איז געווענ א רעזולטאט פונ נאָכלעסיקער, אומווירטשאפט־לעכער אָנפירונג. אינעמ 1933 יאָר האָבנ די קאנטישע אָנפירנדיקע אָרגאנענ געמאכט א סאָפ צו דער פארברעכערישער אומווירטשאפט־לעכקייט. די אָנפירער זיינענ צוגעצויגנ געוואָרנ צו פאראנטוואָרטלעכ־קייט אונ דער בירער האָלצ־קאָמבינאט איז איבערגעגעבנ געוואָרנ אינ רעשוס פונעמ קאנטישנ בוי־טרעסט. די ארבעט אפנ קאָמבינאט האָט אופגעלעבט. לאנגזאמ, אָבער מיט פעסטע טריט, גייט ארויס דער קאָמבינאט פונעמ פריערדיקנ שענדלעכנ דורכרייס.

פאר דער צייט, זינט דער קאָמבינאט בויט זיכ, האָט מענ באוויזנ אויסבויענ א באדייטנדיקע צאָל וווינונגענ פאר די ארבעטער, א שול, א גאָרקיכ, א קינדער־פלאצ אא.


625—3

אינ 1933 יאָר איז באַם קאָמבינאַט אָרגאַניזירט געווענ ניט קײנ שלעכטע בײַשטאָטישע ווירטשאַפט אונטער דער אָנפירונג פונ דער אָרטיקער קאָאָפּעראַציע.

די פריערדיקע אָנפירונג פונעמ קאָמבינאַט האָט ניט געזאָרגט צו באַזעצנ די איבערוואַנדערער בא זיך. דעריבער האָט אפנ זאַוואָד געהערשט א שרעקלעכע פליסעוודיקײַט פונ די ארבעטער, איצט ענדערט זיך די לאַגע אויך אינ דער הינזיכט.

## III. טונגוסער האָלצ-זאַוואָד

דער טונגוסער האָלצ-זאַוואָד געפינט זיך, פונ איינ זײַט, האַרט בא דער אײַזנבאַנ-ליניע, בא דער סטאַנציע ניקאָלײַעווקע (26 קילאָמעטער פונ כאַבאַראָווסק) אונ, פונ דער צווייטער זײַט — אפנ טײַך טונגוסקע. אזויאַרום איז דער זאַוואָד פאַרבונדנ סײַ מיט דער אײַזנבאַנ סײַ מיטנ וואַסער-טראַנספּאָרט אונ האָט שטענדיק די מעגלעכקײַט צו טראַנספּאָרטירנ זײַנ פּראָדוקציע — געזעגטע געהילצנ.

די פּראָדוציר-פּראָגראַמ פונעמ זאַוואָד איז אינ 1934 יאָר געווענ אויסגערעכנט אינ 18000 קובאָמעטער האָלצ-מאַטעריאַלנ. אינ מעשעכ פונעמ 1934 יאָר דאַרפ דער זאַוואָד פאַרגרעסערנ די צאָל זעג-ראַמענ. אַנשטאָט די צוויי פאַראַנענע זעג-ראַמעס וועלנ אינ 1935 יאָר שוינ ארבעטנ פיר ראַמענ אונ די פּראָדוציר-פּראָגראַמ וועט דאַנ דערפירט ווערנ ביז 50.000 קובאָמעטער.

די פּראָדוקציע פונעמ טונגוסער האָלצ-זאַוואָד ווערט אינ א באַדײַטנדיקער מאָס עקספּאָרטירט אויך קײנ אויסלאַנד.

אינ 1933 יאָר האָבנ אפנ זאַוואָד געאַרבעט העכער 500 ארבעטער. צווישנ זײ איז נאָר א קלײנע צאָל געווענ פונ איבערוואַנדערער. די אָנפירער פונעמ זאַוואָד האָבנ נאָכ ביז הײַנט זיך ניט גענומענ ערנסט צומ אײַנאָרדענענ בא זיך איבערוואַנדערער אונ שאפנ פאַר זײ די נײטיקע באַדינגונגענ. אינ דעמ פּראַט מוז האַיאָר קומענ דער איבערבראָכ.

מיט הײַזער פאַר די ארבעטער איז דער זאַוואָד פולקומ פאַרזאָרגט. עס זײַנענ אויך אויסגעבויט געזעלשאַפטלעכע אונ קאָאָפּעראַטיווע געבײַדעס.

פונ 1933 יאָר איז אָרגאַניזירט א בײַשטאָטישע ווירטשאַפט, וואָס גיט די מעגלעכקײַט צו האָבנ אַנ אײגענע שפּײַז-באַזע.

## IV. די אײַזנבאַנ-דעפּאָ

די אײַזנבאַנ-דעפּאָ פונ דער אוסוריער אײַזנבאַנ געפינט זיכ באַ דער סטאַנציע אינ, צווישנ דער שטאָט בירעבידזשאַנ און כאַבאַראָווסק און איז אײנע פונ די גרעסטע דעפּאָען אינ געגנט. דאָ קומט פאָר דער הויפּט-רעמאָנט פונ לאָקאָמאָטיוונ און וואַגאָנעס פאַר דער אוסוריער אײַזנבאַנ.

לויט דער צאָל באַשעפטיקטע ארבעטער אינ דעפּאָ און אויכ לויט דער צאָל אַלגעמײנע באַפעלקערונג איז די סטאַנציע אײנע פונ די גרעסטע באַזעצטע פונקטנ. אַפ דער סטאַנציע פונקציאָנירט אַנ אײַזנבאַנ-פאַבזאַווושול, אַ זיבנײאָריקע שול און אַ רײ אַנדערע קולטור-געזעלשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציעס. די אינער דעפּאָ ווערט נאַטירלעכ דער שטיצפּונקט אינ דער אַנטוויקלונג פונעמ אײַזנבאַנ-טראַנספּאָרט אינ דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט. עס שטײט דעריבער שאַרפ די פראַגע וועגנ פאַרשטאַרקנ די דעפּאָ מיט טעכנישע און קוואַליפיצירטע קאַדרענ. אַגעוו, וואָס אָנבאַלאַנגט יידישע איבערוואַנדערער, זײַנענ זײ ביזנ יאָר 1933 זײער ווײניק געשיקט געוואָרנ אַפ ארבעט אינ דעפּאָ. און דאָ פאַלט די שולד אַפ די, וואָס שיקנ פאַנאַנדער די איבערוואַנדערער. וואָרעמ סײַ די דירעקציע פונ אוסוריער אײַזנבאַנ סײַ די אָנפירער פונ אינער דעפּאָ זײַנענ שטענדיק גערנ אויפצונעמענ איבערוואַנדערער און שאַפנ די נײטיקע באַדינגונגענ אַפ זײ אײַנצואָרדענענ.

עס מוז וואָס גיכער געבראָכנ ווערנ די פאַרקריפּלטע שלעכטע באַציִונג פונ אַ סאַכ איבערוואַנדערער צו דער ארבעט אַפ דער אײַזנבאַנ. שוינ אינ 1932 יאָר מוז די אינער דעפּאָ באַקומענ די נײטיקע צאָל אַרבעטער פונ צווישנ איבערוואַנדערער.

## V. די סוטאַרער גאָלד-גרובנ

צווישנ די פאַראַנענע רײַכקײַטנ אינ דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט פאַרנעמענ אַ באַדײַטנדיק אָרט די ג א ל ד-ג ר ו ב נ. וואָס ווײַטער ווערט זײער באַדײַטונג אַלץ גרעסער.

אַפ די ברעגנ פונעמ טײַכ סוטאַרא פונקציאָנירנ פיר גאָלד-גרובנ. אינ געגנט געפינענ זיכ אָבער נאָכ פיל גאָלד-גרובנ, איבערהויפּט אינעמ קלײנ-כינגאַנער ראַיאָנ.

ביז איצט גײט נאָכ דערווײַל די ארבעט אינ די גאָלד-גרובנ אַפ

אנ אמאליקנ קוסטארישנ אויפנ אונ דעריבער איז די פראדוקציע א באגרענעצטע. אבער די מעכאניזאציע דרינגט לעצטנס אלצ מער אריינ אינ דער גאלד־פראדוקציע.

אנטקעגנ די איבעריקע צווייגנ פונ אינדוסטריע איז די גאלד־אינדוסטריע א סאכ ווייניקער אויסגעפארשט געווארנ אינ געגנט אונ וועגנ די האזויקע אויצרעס איז נאכ פאראנ זייער ווייניק וויסנשאפטלעכער מאטעריאל. ערשט אינ 1933 יאר האט די געשיקטע געאלאגישע עקספעדיציע זיכ פארנומענ דירעקט מיט דער גאלד־פראגע. לויט אירע מאטעריאלנ איז צו זענ אז די געביר־ערטער פונ גאלד געפינענ זיכ אפ די ברעגנ פונעמ טייכ סוטארא ביז די ברעגנ פונ טייכ אמור אונ אז די גאלד־רעזערוונ זיינענ גרויסע.

צווישנ די 900 ארבעטער אינ די גאלד־גרובנ איז די צאל איבערוואנדערער נאכ זייער קליינ. אונ אויכ אהער מוז פארשטארקט ווערנ דאס פלאנמעסיקע באזעצנ יידישע איבערוואנדערער.

## VI. פאבריק „דעטאל“

פונ א פרימיטיווער געהילצ־ארטעל איז אינ דער שטאט בירעבידזשאנ אויסגעוואקסנ א גרויסע פאבריק, וואס דארפ אינ 1934 יאר געבנ 20.000 קובאמעטער בוי־מאטעריאל. די פאבריק „דעטאל“ ארבעט אויס סטאנדארטע ווענט, פענצטער אונ טירנ. פונעמ אפפאל ארבעט אויס די פאבריק קאלעריי מעבל אינ א ספעציעל ארגאניזירטנ צעכ.

די פאבריק האט איר אייגענע עלעקטראסטאנציע, וועלכע גיט די מעגלעכקייט צו מעכאניזירנ אלע ארבעט־פראצעסנ, אינ 1933 יאר איז אויכ פארגרינגערט דער פראצעס פונ צושטעלנ דאס געהילצ: די פאבריק האט דורכ א קאנאל פארייניקט דעמ טייכ בירא מיט דער טעריטאריע פונ דער פאבריק.

אפ דער פאבריק „דעטאל“ ארבעטנ העכער 200 ארבעטער, איבערהויפט איבערוואנדערער. אפ דער טעריטאריע פונ דער פאבריק איז אויסגעבויט א באדייטנדיקע צאל באזונדערע דירעס אונ צוזאמענוווינונגענ, ווו עס האט זיכ באזעצט די מערהייט ארבעטער. עס איז אויכ אויסגעבויט א גארקיכ, א קינדער־פלאצ אונ א קלוב.

אינ 1933 יאר האט די פאבריק ארגאניזירט א גרויסנ קאלעקטיוונ גארטנ, וועלכער האט אדאנק דער גוטער באארבעטונג געגעבנ גוטע רעזולטאטנ.

דער דורכשניטלעכער פאַרדינסט פון אַן אַרבעטער מאַכט אויס 175 — 200 רובל אַ כוידעש, די בעסער קוואַליפיצירטע אַרבעטער פאַרדינען צו 300 רובל און מערער.

לויטן פּראָדוציר־פּלאַן פון 1934 יאָר וועט די פאַבריק איינאָרדענען באַ זיך נייע 150 איבערוואַנדערישע פאַמיליעס.

די פאַבריק „דעטאַל" איז אַ וויכטיקער ווירטשאַפטלעכער איינס, וואָס באַזאָרגט מיט בוי־מאַטעריאַלן די גרויסע בויונג פון דער שטאָט בירעבידזשאַן.

## VII. די ניי־פאַבריק

לויטן מאַסשטאַב פון דער אַרבעט איז די פאַראַנענע ניי־פאַבריק אין דער שטאָט בירעבידזשאַן ניט קיין גרויסע, אָבער פאַר אַ נייער געגנט און אויך פאַר וויטמיזערדיקן קאַנט שפּילט די בירעבידזשאַנער ניי־פאַבריק אַ וויכטיקע ראָליע.

אויף דער פאַבריק אַרבעטן 130 אַרבעטער אין איין וואַכטע. אַלע אַרבעטער זיינען איבערוואַנדערער. די אויסשטאַטונג פון דער פאַבריק איז אויסגערעכנט אויף מאַקסימאַל צו מעכאַניזירן און עלעקטריפיצירן די פּראָצעסן פון צושניידן, נייען און פּרעסן.

די ניי־פאַבריק האָט אַ גוטע גאָרקיכ, אַ מוסטערהאַפטן קינדער־פּלאַץ און יאַסליעס.

אין 1933 יאָר האָט די ניי־פאַבריק אָרגאַניזירט אַ גרויסן קאָלעקטיוון גאָרטן, וועלכער האָט פולקום באַזאָרגט די אַרבעטער אויף אַ גאַנץ יאָר מיט קאַרטאָפל און אַנדערע גרינסן, ווי אויך מיט זריע אויף 1934 יאָר.

דער הויפּט־פעלער פון דער ניי־פאַבריק איז דאָס, וואָס זי האָט ניט די מעגלעכקייט צו באַזאָרגן אַלע אַרבעטער מיט הייזער. איבער אָט דער סיבע קאָן די צאָל אַרבעטער ניט פאַרגרעסערט ווערן.

די ניי־פאַבריק האָט אין 1934 יאָר אַרויסגעגעבן פּראָדוקציע פאַר 2190 טויזנט רובל.

## VIII. מעכאַנישע וואַרשטאַטן

די מעכאַנישע וואַרשטאַטן (אין שטאָט בירעבידזשאַן) זיינען פאַקטיש די איינציקע, וואָס פאַרנעמען זיך מיט מעכאַנישער אַרבעט אין דער גאַנצער געגנט.

אינ די וואַרשטאַטנ איז אָרגאַניזירט אַ ספּעציעלער צעכ, ווו מע מאַכט טשוועקעס אונ דאָס האָט אַ באַזונדערע באַדײַטונג, ווענ מע דערמאָנט זיכ, אַז אפנ ווײַטנ מיזרעכ זײַנענ טשוועקעס איינער פונ די סאַמע דעפיציטע בוי־מאַטעריאַלנ.

אינ די וואַרשטאַטנ אַרבעטנ בײַ 50 אַרבעטער, העריקער איבער־וואַנדערער. אינ 1934 יאָר דאַרפנ אָנגענומענ ווערנ נאָכ 25 איבערוואַנ־דערשע פאַמיליעס.

## IX. די עלעקטראָסטאַנציע

די געוועזענע פאַרוואָרפענע באַנ־סטאַנציע ט י כ אָ נ ק ע, וועלכע האָט ביזנ 1928 יאָר געהאַט ניט מער פונ 600 אײַנוווינער אונ איז באַשטאַנענ פונ 120 קליינע נידעריקע הײַזלעכ, איז פאַר די לעצטע זעקס יאָר אויסגעוואַקסנ אינ אַ סאָוועטישער שטאָט.

די באַפעלקערונג פונ דער שטאָט בירעבידזשאַנ האָט אינ 1933 יאָר שוינ געציילט 6000 נעפאָשעס. די צאָל אינדוסטריעלע אונטער־נעמונגענ אונ קולטור־אַנשטאַלטנ וואַקסט פונ יאָר צו יאָר.

מיט דער אַקטיווער הילפ פונ מאָסקווער געזערד איז אינ 1933 יאָר אויסגעבויט געוואָרנ די ערשטע עלעקטראָסטאַנציע אויפ 250 קי־לאָוואַט. צומ 16־טנ יאָרטאָג פונ דער אָקטיאַבער־רעוואָליוציע האָט זיכ אינ דער שטאָט בירעבידזשאַנ אָנגעצונדנ לענינס לעמפּעלע.

די עלעקטראָסטאַנציע וועט שפּילנ אַ באַדײַטנדיקע ראָליע אינ דער ווײַטערדיקער אינדוסטריאַליזירונג פונ דער שטאָט בירעבידזשאַנ אונ אינ דער קולטור־באַדינונג פונ די אַרבעטנדיקע.

## X. נײַע בויונגענ

צווישנ די גרעסערע אָביעקטנ פונ דער נײַער בויונג אינ 1934 יאָר געפינט זיכ די ניי־פאַבריק אונ אַ רעמאָנט־מעכאַנישער זאַוואָד.

די ניי־אינדוסטריע פונעמ ווײַטמיזרעכדיקנ קאַנט האָט אינ איר פּראָדוקציע־פּלאַנ אײַנגעשלאָסנ די בויונג פונ דער ניי־פאַבריק אומ־געפער אויפ 1000 אַרבעטער.

אויפ דער בויונג פונ דער ניי־פאַבריק האָט די רעגירונג אַסיגנירט אינ 1934 יאָר אַ מיליאָנ רובל.

די בויונג פונעמ רעמאָנט־מעכאַנישנ זאַוואָד איז שוינ פאַנאַנדער־געוויקלט געוואָרנ אינ 1933 יאָר. אַ גרויסע אַרבעט דאַרפ דורכגעפירט

ווערנ אינ 1934 יאָר. אינגאנצנ דארפ די בויונג פונעמ זאוואָד פאר-ענדיקט ווערנ אינ 1935 יאָר.

## XI. די געווערב-קאָאָפּעראציע

א ברייטע פּאָליטיק אנטוויקלונג האָט באקומענ אינ בירעבידזשאנ די געווערב-קאָאָפּעראציע אפ דער באזע פונ די גרויסע רע-זערוונ רויוואַרג, וואָס געפינענ זיכ אינ געגנט און אדאנק דער גרויסער צאָל אָנגעקומענע קוסטארנ פונ אוקראינע און ווייסרוסלאנד.

די פּראָדוקציע פונ דער בירעבידזשאנער געווערב-קאָאָפּעראציע ווערט פאנאנדערגעשפּרייט ניט נאָר צווישנ די ארבעטער און קאָל-ווירטניקעס פונ דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט, נאָר אויכ אינ די פיל אנדערע ראיאָנענ פונעמ ווייטמיזרעכדיקנ קאנט.

אינ געגנט זיינענ אָרגאניזירט 20 געווערב-ארטעלנ, וועלכע פאר-נעמענ זיכ מיט מאכנ מעבל, וועגענער, דייזשקעס, ציגל, קאלכ, סמאָלע, זייפ, ליכט און אנדערע זאכנ פונ מאסנ-געברויכ.

עס עקזיסטירנ אויכ ניי-ארטעלנ, שוסטער-ארטעלנ וואָס פארײ-ניקנ העכער 300 קוואליפיצירטע קוסטארנ-איבערוואנדערער מיט זייע-רע פאמיליעס. די גרעסטע ארטעלנ זיינענ אָרגאניזירט אינ דער שטאָט בירעבידזשאנ.

### 1. ארטעל „בירעבידזשאנ"

דער ארטעל בירעבידזשאנ איז איינער פונ די ערשטע, וואָס זיינענ אָרגאניזירט געוואָרנ אינ געגנט. א גרופּע פונ 10 איבערוואנ-דערישע פאמיליעס פונ דער שטאָט מאלינ (אוססר), אָרגאניזירטע אינ אנ ארטעל נאָכ בא זיכ אינ דער היימ, האָבנ באשלאָסנ איבער-וואנדערנ קיינ בירעבידזשאנ. אינגיכנ איז זיכ דער קליינער ארטעל צעוואקסנ און אינ 1933 יאָר האָט ער שויג געהאט אינ זיינע רייענ העכער 100 מיטגלידער. דער ארטעל ארבעט אויפ ווינער בענקלעכ, און זיינ פּראָדוקציע איז פאר א קורצער צייט באוווסט גע-וואָרנ ניט בלויז אינ געגנט, נאָר אויכ ווייט איבער די גרע-נעצנ פונ דער געגנט.

אינ 1933 יאָר האָט דער ארטעל „בירעבידזשאנ" באוויזנ ארויס-צולאָזנ 6000 טוץ בענקלעכ, אינ 1934 יאָר איז דער פּראָדוציר-פּלאנ נאָכ א סאכ פארגרעסערט.

די געביידעס פון ארטעל פארנעמען א גרויסע טעריטאָריע, וווּ עס געפינען זיך, אחוץ די פּראָדוקציר־געביידעס אויך א באדינטנדיקע צאָל הייזער פאר די ארטעלניקעס, ווי אויך א גוטע גאָרטן, א קלוב, א קינדער־פּלאץ מיט יאסליעס און נאָך אנדערע.

די פארוואלטונג פון ארטעל האָט אויך באוויזן צו אָרגאניזירן א גוטע ביישטאָטישע ווירטשאפט, וואָס האָט באזאָרגט דעם ארטעל מיט גאָרטנוואַרג אפן גאנצן ווינטער.

אין ארטעל ווערט מאקסימאל אָנגעווענדט די ארבעט פון פרויען, אזויארום דערגרייכט דער דורכשניטלעכער פארדינסט פון א קוסטאַרישער פאמיליע אין ארטעל „בירעבידזשאנ“ אומגעפער 400- 450 רובל א כוידעש.

## 2. ארטעל „די ראָד פון דער רעוואָליוציע“

דאָס איז אן ארטעל פון סטעלמאכעס, וואָס ארבעטן אויס רעדער, וועגענער, שליטנס.

דעם גרונט־טייל פון ארטעל מאכן אויס די איבערוואנדערער פון אומאנ, וועלכע זיינען געקומען קיין בירעבידזשאנ אנהייב 1930 יאָר. אין 1933 יאָר האָבן אין ארטעל שוין געארבעט 50 שמידן־איבערוואנדערער. די פּראָדוקציע פון ארטעל ווערט פון יאָר צו יאָר פארגרעסערט און ווערט פארשפרייט אין א סאך ראיאָנען פונעם ווייטן מיזרעכ.

די שטייגערישע באדינגונגען פון די ארטעל־מיטגלידער זיינען צופרידנשטעליקע. ניט שלעכט איז איינגעאָרדנט די דערנערונג פון די ארבעטער. דער ארטעל האָט זיין אייגענע גאָרטן, א קאָלעקטיווען גאָרטן און א ריי געזעלשאפטלעכע געביידעס.

דער דורכשניטלעכער פארדינסט פון אן ארטעל־מיטגליד דערגרייכט ביז 300 רובל א כוידעש. די בעסער קוואליפיצירטע שמידן פארדינען נאָך מער. אין 1934 יאָר דארף דער ארטעל ארויסגעבן פּראָדוקציע אף א סומע ביז 400 טויזנט רובל.

## 3. דער ארטעל „מעכמעבלשטשיק“

דער ארטעל, ווי עס איז צו זען פון זיין נאָמען, מאכט מעבל — שטולן, שאפעס, קושעטקעס אא.

אין ארטעל ארבעטן ביז 50 מיטגלידער. די מערהייט האָט זיך

דאָ אָרגאַניזירט אין 1931 יאָר. מיט רויוואַרג איז דער ארטעל פולקומ= באזאָרגט פונ די אָרטיקע גרויסע געהילצ-רעזערוונ.

די קוואליטעט פונ דער פּראָדוקציע איז א הויכע און זי ווערט פארשפרייט און א סאכ ראיאָנענ פונ קאַנט.

לויטנ פּראָדוציר-פּלאנ דארפ דער ארטעל אינ 1934 יאָר ארויס= געבנ פּראָדוקציע אפ א סומע פונ 300 טויזנט רובל.

## 4. ארטעל „ציגעלעכ“

„ציגעלעכ“ („קירפּיטשיקי“) איז פּאקטיש א ציגל=זאַוואָד, וווּ עס ארבעטנ העכער הונדערט ארבעטער. די גרונט-מיטגלידער זײַנענ דאָ קאָרייִשע ארבעטער, אויכ א קליינע צאָל ייִדישע איבערוואַנדע= רער. אינ 1933 יאָר האָט דער ארטעל ארויסגעגעבנ א מיליאָנ ציגל פאר דער שטאָטישער בויונג. אינ 1934 יאָר איז דער פּלאנ אפ אונ= דערהאלבנ מיליאָנ ציגל. אינ דער זעלבער צײַט וועט פארבעסער= ווערנ די קוואליטעט.

דער ארטעל „קירפּיטשיקי“ געפינט זיכ אינ עק שטאָט. אפ א באַ= זונדערער טעריטאָריע, ניט ווײַט פונ דער אײַזנבאנ-ליניע, זײַנענ אויס- געבויט אלע ווירטשאפטלעכע געבײַדעס.

דער ארטעל האָט באוויזנ אויסצובויענ זייער גוטע הײַזער פאר אלע זײַנע ארבעטער. פאראנ א מוסטערהאפטער קינדער-פּלאַצ אונ יאסליעס. אינעמ ספּעציעל אויסגעבויטנ קלוב פירט זיכ א סיסטעמאַ- טישע אינטערנאציאָנאלע קולטור=ארבעט.

## 5. „כימכאָזפּראָדוקט“

אפ דער טעריטאָריע פונ „קירפּיטשיקי“ געפינט זיכ אויכ דער אַר- טעל „כימכאָזפּראָדוקט“, וועלכער מאכט זייפ, ליכט, שוואקס, ווײַנ אונ פּאָווידלע. דער ארטעל האָט באזונדערס דערגרייכט צו גוטע רע- זולטאטנ אינ פראט פונ איבערארבעטנ ווילדע ווײַנטרויבנ, קירבעסנ אונ קאָלערליי יאגעדעס.

די פּראָדוקציע פונ ארטעל האָט גרויסע פּערספּעקטיווּ צו וואקסנ, שוינ אינ 1934 יאָר פארגרעסערט זיכ דער פּלאנ.

אינ ארטעל זײַנענ אלע מיטגלידער איבערוואנדערער אונ אינ 1934 יאָר וועט זיכ זייער צאָל באדײַטנדיק פארגרעסערנ.

★

אכוצ די אויבנ אויסגערעכנטע ארטעלנ זײַנענ אינ שטאָט נאָכ אָרגאניזירט שנײַדער־אונ שוסטער־ארטעלנ, ווו עס ארבעטנ העכער 150 מאנ.

גרויסע ארטעלנ זײַנענ אויכ פאראנ אינ אנדערע פונקטנ פונ דער געגנט, ווי דער ארטעל „סאָמאָלאָקור“ אינ ביראקאנ, „רויטער קלע־שטשעוויק“ אינ ביראקאנ, „ערשטער מײַ“ אינ ביראקאנ, ארטעל „קימקאנ“ אפ דער סטאנציע קימקאנ אאוו.

די פאראנענע ארטעלנ פונ דער געווערב־קאָאָפעראציע האָבנ אינ 1934 יאָר געבנ פראָדוקציע אפ א מיליאָנ מיט 7 טויזנט רובל. אינ דער זעלבער צײַט וועלנ געשאפנ ווערנ מעגלעכקײַטנ נאָכ מער צו פארגרעסערנ אונ פארבעסערנ די פראָדוקציע אינ די ארטעלנ.

# אפנ געביט פונ ראטנ- אונ קולטור־בויונג

## I. די ראטנ-בויונג

נאָכ אינ 1932 יאָר זײַנענ אָרגאניזירט געוואָרנ אינ ראיאָנ 66 דאָרפראטנ, פונ זיי רוסישע — 50, ייִדישע — 4, קאָרייִשע — 1, אוקראיִנישע — 1 אונ טוזעמער — 7.

די צאָל דאָרפראטנ האָט זיכ מיט דער צײַט געענדערט. ערשטנס, האָבנ זיכ אָרגאניזירט דאָרפראטנ אינ די נײַבאזעצטע פונקטנ. צווייטנס, איז גרעסער געוואָרנ די צאָל דאָרפראטנ נאָכ דעמ, ווי עס איז פארקירצט געוואָרנ די טעריטאָריע פונ יעדנ דאָרפראט.

אינ דער שטאָט בירעבידזשאנ איז אָרגאניזירט א שטאָטראט, וועלכער פירט אָנ מיט דער קאָמונאלער ווירטשאפט אונ אלערליי בוי־ונגענ אינ שטאָט. דער בירעבידזשאנער שטאָטראט גיט אָפ פיל אָרט דער אנטוויקלונג פונ דער בײַשטאָטישער ווירטשאפט.

## II. די קולטור-בויונג

אינ געגנט פונקציאָנירנ נאציאָנאלע שולנ: רוסישע, ייִדישע, קאָרייִשע אונ אוקראיִנישע. 4־יאָריקע שולנ איז פאראנ 54, 7־יאָריקע — 17, פאבזאווּשולנ — 6. אינ די 77 שולנ לערנענ זיכ אינ 1934 יאָר 7347 קינדער. אלע קינדער פונ שול־עלטער זײַנענ ארײַנגעצויגנ אינ

שול. אינ דער שטאָט בירעבידזשאנ פונקציאָנירנ אויכ 2 שולנ 10-קלאַסיקע — א יידישע אונ א רוסישע.

קינדער פונ פאַרשול-עלטער ווערנ אויפ 75 פראָצענט באַדינט אינ פאַרשול-אנשטאלטנ, וואָס זײַנענ אָרגאניזירט אינ יעדנ מער וויניקער באַזעצטנ אָרט. אינ געגנט זײַנענ פאַראנ 38 קינדער-פלעצער, אינ וועלכע ס׳געפינענ זיכ איצט העכער 1000 קינדער. אינ די פאַראנענע 40 יאַסליעס געפינענ זיכ אויכ בײַ 1000 קינדער.

אזוי-ארום ווערנ קארגע 10.000 קינדער באַזאָרגט פונ דער רעגירונג אונ פונ דער סאָוועטישער געזעלשאַפטלעכקײַט מיט שולנ, קינדער-פלעצער אונ יאסליעס.

די מערהײַט פרויענ איז באַפרײַט פונ שטוב-ווירטשאַפט אונ זיי האָבנ די פולע מעגלעכקײַט צו זײַנ אקטיוו באטייליקט אינ דער סאָציאַליסטישער בויונג פונ דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט.

די 100 סטודענטנ פונעמ *לאַגדווירטשאַפטלעכנ טעכניקומ* בײַ סטאלינפעלדער ראַטווירט באַשטייענ אינ זייער מערהײַט פונ איבערוואנדערער אָדער קינדער פונ איבערוואנדערער. דער טעכניקומ האָט פארנ לעצטנ יאָר באַוויזנ אויסצובעסערנ א גוטע צוזאַמענוויקלונג פאַר די סטודענטנ. די לערנ-קאבינעטנ ווערנ אלצ בעסער אויסגעשטאַט. אינ 1934 יאָר וועט דער טעכניקומ שוינ געבנ דעמ ערשטנ ארויסלאָז אגראָנאָמענ אונ מעכאַניזאַטערס פאַר דער סאָציאַליסטישער לאַנדווירטשאַפט אינ געגנט.

אינ דער שטאָט בירעבידזשאַנ איז אויכ אויסגעבויט א ספעציעלע געבײַדע פארנ *פעדאגאָגישנ טעכניקומ*, וועלכע פונקציאָנירט שוינ צוויי יאָר. אינ דער געבײַדע פונעמ טעכניקומ געפינט זיכ אויכ די בירעבידזשאנער *סאָוופארטשול*. אינ די בײדע לערנאנשטאלטנ לערנענ זיכ סיסטעמאַטיש 120 איבערוואנדערער. די בירעבידזשאנער אָרגאניזאַציעס באַקומענ שוינ א היפשע צאָל פאָליטיש צוגעגרייטע טוער, וואָס האָבנ געענדיקט די סאָוופארטשול.

אינ דער שטאָט בירעבידזשאנ פונקציאָנירט אויכ א דריי אָונט-שולנ פאַר דערוואַקסענע.

אכוצ די צײַטונגענ, וואָס די פאָליטאָפטיילנ גיבנ ארויס בײַ די מטס אונ ראַטווירטנ, דערשײַנענ צוויי געגנטלעכע צײַטונגענ אינ דער שטאָט בירעבידזשאנ, אינ יידיש אונ רוסיש — *„בירעבידזשאנער שטערנ"*.

אינ דער שטאָט בירעבידזשאנ איז אפ די מיטלענ אונ דירעקטנ אָנטייל פונ מאָסגעזערד אויסגעבויט געוואָרנ א ספּעציעלע געביידע פאר א ט ע א ט ע ר אפ 400 ערטער. דער בירעבידזשאנער מ ע ל ו כ ע ־ ט ע א ט ע ר, וועלכער האָט זיכ געשאפנ איג מאָסקווע בא דער אקטיווסטער הילפ פונ מאָסגעזערד אונ פונעמ מאָסקווער יידישנ מעלוכע־טעאטער, איז אינ א באשטאנד פונ העכער 40 ארטיסטנ אָנגעקומענ אינ מיי כוידעש קיינ בירעבידזשאנ.

דער בירעבידזשאנער יידישער מעלוכע־טעאטער וועט מיט זיינע גאסטראָלנ באדינענ די ארבעטנדיקע מאסנ איבער דער גאנצער געגנט.

א וויכטיקע קולטורעלע ארבעט פירט סיסטעמאטיש דורכ די צענטראלע ב י ב ל י אָ ט ע ק, וואָס באדינט די פעריפעריע, אָרגאניזירנדיק באוועגלעכע ביבליאָטעקנ.

עס ווערט אויכ געפירט א סיסטעמאטישע באדיינדיקע פּאָליט־מאסנ־ארבעט צווישנ דער באפעלקערונג פונ דער גאנצער געגנט דורכ לעקציעס, פאָרטראגנ אונ שמועסנ אפ פּאָליטישע,ווירטשאפטלעכע אונ קולטור־טעמעס. אינ געגנט זיינענ פאראנ 24 לייענשטיבלעכ, 6 קלובנ. פאר די לעצטע צוויי יאָר איז שטארק פארגרעסערט געוואָרנ די טעלעפאָנ־נעצ. די שטאָט בירעבידזשאנ איז פארבונדנ מיט דער גאנצער פעריפעריע אונ אויכ מיט דער הויפּטשטאָט פונעמ ווייטמיזרעכדיקנ קאנט — כאבאראָווסק.

עס ווערט אויכ פארבעסערט די ארבעט פונ דער פּאָטשט אונ טעלעגראפ. אינ 1933 יאָר איז פארענדיקט געוואָרנ א ספּעציעלע צווייסטאָקיקע פּאָטשט־געביידע.

עס איז פארגרעסערט געוואָרנ די צאָל ראַדיאָ־אפּאראטנ אינ געגנט. צומ 16־טנ יאָרטאָג פונ דער אָקטיאבער־רעוואָליוציע איז אויפגעשטעלט געוואָרנ א ראיאָנע ראַדיאָ־סטאנציע, וואָס דארפ באדינענ די גאנצע געגנט.

בא די אלע דערגרייכונגענ דארפ נאָכ אָבער פיל אויפגעטאָנ ווערנ אפ צו פארשטארקנ די קולטור־ארבעט צווישנ דער באפעלקערונג פונ בירעבידזשאנ.

די באפעלקערונג פונ בירעבידזשאנ וואקסט אפנ כעזשבנ פונ אייבערוואנדערער, וואָס קומענ אָנ אינ זייער מערהייט פונ קליינע שטעט אונ שטעטלעכ אונ גייטיקנ זיכ אינ א טאָג־טעגלעכער קולטור־פּאָליטישער באדינונג, קעדיי צו מאָביליזירנ די מאסנ ארומ דער בויונג

פונעמ סאציאליסטישנ פארפאסט אפנ וויטנ מיזרעכ, קעדיי אומראכ־מאנעסדיק צעקלאפנ די נאציאנאליסטישע, שאוויניסטישע און גרויס־מעלוכישע שטימונגענ צווישנ אייניקע שיכטנ איבערוואנדערער.

## III. די מעדיצינישע באדינונג

פיל ערגער איז די לאגע אינ דער געגנט מיט דער מעדיצינישער באדינונג.

אויב ניט רעכענענ די שטאט בירעבידזשאנ, וווּ עס איז אויסגע־בויט א גוטער שפיטאל אפ 60 בעטלעכ מיט באזונדערע קאבינעטנ פאר כירורגישע, טעראפעווטישע, גינעקאלאגישע און קינדער־קראנ־קייטנ איז די מעדיצינישע באדינונג אפ דער פעריפעריע נאכ ניט קיינ באפרידיקנדיקע הערווייל. און טאקע דערפאר איז דער בירעבידזשאנער שפיטאל שטענדיק איבערפולט מיט קראנקע פונ דער פעריפעריע.

באמ בירעבידזשאנער שפיטאל איז אויכ ארגאניזירט א ציינהייל־קאבינעט און אנ עלעקטרא־קאבינעט. די צאל דאקטוירימ אינ שטאט קלעקט אפ צו באדינענ די ארבעטנדיקע באפעלקערונג.

פאראנ אינ געגנט אינ 8 פונקטנ קליינע שפיטאלנ פונ 4 ביז 10 בעטלעכ, אבער די מערהייט פונ זיי האט ניט קיינ דאקטוירימ און ווערנ באדינט בלויז פונ מיטעלנ מעד־פערסאנאל. אינ א גרויסער צאל באזעצטע פונקטנ זיינענ בלויז פאראנ מעדיצינישע פאסטנס, וואס קומענ צו הילפ אינ א נייטיקנ פאל און ארגאניזירנ דאס אפשיקנ דעמ קראנקנ אינ נאענטסטנ שפיטאל.

די פראגנ וועגנ פארבעסערנ די מעדיצינישע באדינונג פונ דער באפעלקערונג איז איינע פונ די שארפסטע נאענטסטע אופגאבעס אינ געגנט.

דערפאר קאנ זיכ די געגנט איבערנעמענ מיט דעמ באוווסטנ קו־ראָרט „ק ו ל ד ו ר“, וואס געפינט זיכ 35 קילאמעטער פונ דער סטאנציע בירעקאנ. דער קוראָרט „קולדור“ נעמט אריינ איינצייטיק בא 400 מענטשנ און היילט דעריקער אזעלכע קראנקייטנ, ווי רעוומא־טיזמ, פאדאגרע, הויט־קראנקייטנ אא. ער פארמאגט דערצו זעלטענע מינעראלע קוואלנ.

דער קוראָרט האט אלע מעגלעכקייטנ שטארק צו פארגרעסערנ דעמ פארנעמ פונ זיינ ארבעט און עס איז קיינ ספק ניט, אז ער וועט אינגיכנ ווערנ איינער פונ די בעסטע קוראָרטנ בא אונדז אינ לאנד.

# אפנ געביט פונ איבערוואנדערונג

## I. די איבערוואנדערישע קאָנטינגענטנ

די ערשטע גרופּע איבערוואנדערער פונ די שטעטלעכ אינ ווײַסרוסלאנד אונ אוקראַינע איז אָנגעקומענ קיינ טיכאָנקע אינ מײַ 1928 יאָר.

ביזנ סאָפ 1928 יאָר איז אָנגעקומענ קיינ בירעבידזשאנ אינגאנצנ 800 מענטשנ, די מערהײַט פאָרשטייער פונ פאמיליעס, וואָס האָבנ געזאָלט שאפנ באדינגונגענ אפ קענענ ארויספאָדערנ אהער אינגיכנ זייערע פאמיליעס. אָט די ערשטע איבערוואנדערער איז אויסגעפאלנ נאטירלעכ איבערצולעבנ דעמ שווערסטנ פעריאָד פונ באהערשנ די טײַגע.

די שווערסטע צײַט פונעמ ערשטנ פעריאָד איז געווענ דער זומער 1928, ווענ עס איז געגאנגענ זייער א סאך רעגנס, איבערהויפּט אינ יול אונ אווגוסט, וואָס האָבנ געבראכט צו א גרויסער פארפלייצונג.

אזא פארפלייצונג איז אינ קאנט שוינ לאנג ניט געווענ. פארשטייט זיכ, אז דאָס האָט שטארק געווירקט אפ די ווײַטערדיקע איבערוואנדערישע פלענער אונ אינ 1929 יאָר האָבנ אריבערגעוואנדערט קיינ בירעבידזשאנ אינגאנצנ 1000 נעפּאשעס. דאָס מאָל איז אָנגעקומענ א באדײַטנדיקע צאָל פאמיליעס מיטנ פעסטנ ווילנ צו בויענ דאָ א נײַ לעבנ.

די ווײַטערדיקע איבערוואנדערונג איז געגאנגענ אזוי:

אינ 1930 יאָר זײַנענ פונ פארשיידענע שטעט אונ שטעטלעכ פונ אוקראַינע, ווײַסרוסלאנד אונ מײַרעוו-געגנט אָפּגעשיקט געוואָרנ קיינ בירעבידזשאנ 1500 נעפּאשעס, אינ 1931 יאָר — 3000, אינ 1932 — 9000 אונ אינ 1933 יאָר — 3500.

אזויארומ זײַנענ פונעמ 1928 יאָר ביזנ 1934 יאָר אָפּגעשיקט געוואָרנ קיינ בירעבידזשאנ 18800 איבערוואנדערער.

די איבערוואנדערונג קיינ בירעבידזשאנ איז צונויפגעפאלנ מיטנ אָנהייב פונעמ ערשטנ פינפיאָר, ד.ה. מיט דער צײַט, ווענ די סאָציאליסטישע בויונג בא אונדז אינ לאנד האָט זיכ ברייט פאנאנדערגעוויקלט אפ אלע געביטנ. די סאָציאל-עקאָנאָמישע לאגע פונ דער יידישער אָרעמשאפט האָט זיכ צו יענער צײַט ראדיקאל געענדערט, די מערהײַט האָט זיכ אפנ אָרט שוינ ארײַנגעצויגנ אינ פּראָדוקטיווער ארבעט. דעריבער איז דער סאָציאלער באשטאנד פונ די איבערוואנדערער אינ בירעבידזשאנ גאָר אנ אנדערער איג פארגלײַכ מיט די איבערוואנדערער, וואָס

זײַנענ אריבערגעפירט געוואָרנ אַפ ערד־ארבעט קײנ קרימ אונ אַפ די אוקראַיִנישע פאָנדנ ביזנ 1928 יאָר. אויב אינ 1930 יאָר האָבנ מיר אײנעמ באַשטאַנד פונ די איבערוואַנדערער געהאַט נאָכ אַ באַדײַטנדיקע צאָל געוועזענע קלײנהענדלער, איז אינ 1931 יאָר דער פּראָצענט געוועזענע הענדלער געווענ שוינ נאָר אַ נישטיקער (5—6) אונ אינ די ווײַטערדיקע יאָרנ 1932 אונ 1933 זײַנענ קײנ געוועזענע הענדלער אינעמ סאָציאַלנ באַשטאַנד פונ די איבערוואַנדערער אינגאַנצנ ניט געווענ, ווײַל נאָכ ביזנ אָפּפאָרנ קײנ בירעבידזשאַנ האָבנ די סאָציאַל־געזונטע עלעמענטנ באַוויזנ צו פאַרנעמענ זיכ מיט פּראָדוקטיווער ארבעט, געוואָרנ ארבעטער, אָדער קוסטאַרנ.

אינ 1933 י. זײַנענ די הויפּט־גרופּעס איבערוואַנדערער קײנ בירעבידזשאַנ באַשטאַנענ פונ קוסטאַרנ, וואָס האָבנ געאַרבעט אַפ דעפּיציטנ ריוואַרנ, שוואַרצאַרבעטער, טרעגער, פורמאַנעס, סעזאָנאַרבעטער אונ אַנדערע האָרעפּאַשניקעס, וואָס האָבנ געוואָלט איבערגײנ אַפ ערדאַרבעט אָדער באַקומענ אינ בירעבידזשאַנ נײַע קוואַליפיקאַציעס.

אַכוצ דעמ איז דורכגעפירט געוואָרנ אַ ספּעציעלע ארבעט צו ווערבירנ קוואַליפיצירטע טעסלערס, סטאָליערס, אויוונ־מאַכערס, שטוקאַטורנ, מוליערס אונ אַנדערע בוי־ארבעטער, וואָס זײַנענ זײער נײטיק פאַר בירעבידזשאַנ, ווי פאַר יעדער נײַער בויונג.

פונ די 9000 נעפאַשעס, וואָס זײַנענ געווענ אָפּגעשיקט קײנ בירעבידזשאַנ אינ 1932 יאָר, זײַנענ 78 פּראָצ. געפאָרנ פונ אוקראַיִנע, פונ אַזעלכע שטעט, ווי באַרדיטשעוו, קאַמענעצ, אומאַנ, קרעמענטשוק, זשיטאָמיר, וויניצע, זינאָוויעווסק, באַלטע אונ אַנדערע. אַ קלענערער טײל פונ זײ פאַלט אַפ די שטעטלעכ: קאַפּײַגאָראָד, טשודנאָוו־וואָלינסק, נעמיראָוו אאַ. צווישנ דער דאָזיקער צאָל איבערוואַנדערער פונ אוקראַיִנע האָבנ זיכ געפונענ 1340 פאַמיליעס (4954 נעפאַשעס) אונ 1924 אײנצלנע. די צאָל זעלבסטטעטיקע איז צווישנ די איבערוואַנדערער געווענ זײער אַ באַדײַטנדיקע.

די זעלבע צײַגער זײַנענ כאַראַקטעריסטיש אויכ פאַר די איבערוואַנדערער פונ ווײַסרוסלאַנד. אינ 1932 יאָר זײַנענ פונ די שטעט אונ שטעטלעכ פונ ווײַסרוסלאַנד אָפּגעשיקט געוואָרנ קײנ בירעבידזשאַנ 126 פאַמיליעס (454 נעפאַשעס) אונ 422 אײנצלנע, דעריקער יוגנט.

די מײַרעוו־געגנט האָט אינ 1932 אָפּגעשיקט קײנ בירעבידזשאַנ אינגאַנצנ 486 נעפאַשעס, פונ זײ 164 אײנצלנע.

א באזונדער אָרט פארנעמט אינ בירעבידזשאנ די איבערוואנדערונג פונ אויסלאנד, וואָס איז פארווירקלעכט געוואָרנ פינ די אויסלענדישע געזערד־פרײַנטלעכע אָרגאניזאציעס. אינ 1932 יאָר זײַנענ פונ 12 קאַ־פיטאליסטישע לענדער געקומענ קיינ בירעבידזשאנ 784 ארבעטער, וועל־כע האָבנ זיכ אקטיוו אײַנגעשלאָסנ אינ דער סאָציאליסטישער בויונג פונ דער צוקונפטיקער יידישער אווטאָנאָמער געגנט. צווישנ די לענדער זײַנענ געווענ ארגענטינע (116 מאנ), ליטע (101), לאטוויע (83), פראנקרײַכ (88), פאלעסטינע (74), דײַטשלאנד (65), בעלגיע (61), פוילנ (30) אא.

צווישנ די אויסלענדישע ארבעטער איז געקומענ א באדײַטנדיקע צאָל קוואליפיצירטע בוי־ארבעטער, אינ וועלכע בירעבידזשאנ נייטיקט זיכ. אָבער די דעמאלטיקע אָנפירונג פונ בירעבידזשאנער ראיאָנ אונ דער גרעסטער טייל ראיאָנע אָרגאניזאציעס האָבנ אינ 1932 יאָר ארויסגע־וויזנ גרויס נאכלעסיקײַט אינ דער באציִונג צומ אײַנאָרדענענ די אי־בערוואנדערער אונ די גרעסטע צאָל אָנגעקומענע איבערוואנדערער האָט פארלאָזט בירעבידזשאנ אונ זיכ אײַנגעאָרדנט אינ אנדערע ראיאָנענ אפנ ווײַטנ מיזרעכ.

די קריכערישע טעמפּנ אינ דער בויונג פונ הײַזער אינ בירעבידזשאנ האָבנ געצוווּנגענ סײַ דעמ צענטראלנ קאָמערד סײַ די ראיאָנע אָרגאני־זאציעס צו פארשמעלערנ די איבערוואנדערונג אונ אינ 1933 יאָר זײַ־נענ שוינ אָפּגעשיקט געווענ קיינ בירעבידזשאנ נאָר 3500 נעפאשעס. פונ זיי האָט אוקראַינע געגעבנ 2373 אונ ווייסרוסלאנד — 600 איבערוואנדערער. פונ אויסלאנד זײַנענ אינ 1933 יאָר ארײַנגעלאָזט גע־וואָרנ נאָר נאָענטע פרײַנט פונ די פריִער אײַנגעאָרדנטע אינ בירעביד־זשאנ (26 מ.).

ווי געזאָגט, איז פארנ פעריאָד ביזנ 1934 יאָר אָפּגעשיקט געוואָרנ קיינ בירעבידזשאנ בא 19000 איבערוואנדערער. צומ ערשטנ אָקטיאַ־בער 1933 יאָר האָבנ זיכ דאָרט אָבער אינגאנצנ געפונענ פונ זיי 7000 נעפאשעס. די הויפּט־סיבעס, וואָס האָבנ געבראכט צו אזא גרויסנ אָפּ־פלוס, זײַנענ געווענ פארשיידענע אינ באזונדערע יאָרנ. אינ גרונט זײַ־נענ דאָס געווענ אזעלכע סיבעס:

אינ די ערשטע יאָרנ פונ דער איבערוואנדערונג זײַנענ געפאָרנ מענטשנ, וואָס האָבנ זיכ קלאָר ניט פאָרגעשטעלט די אומפארמײַדלעכע שוועריקײַטנ באמ באהערשנ א נײַעמ ראיאָנ אפנ ווײַטנ מיזרעכ אינעמ

ערשטנ אָרגאניזאציאָנעלנ פעריאָד. ס'זײַנענ געפאָרנ מענטשנ ווײניק צוגעפאסטע צו אזא שווערער פיזישער ארבעט, ווי קאָרטשעווענ, גראָבנ קאנאוועס אאַוו. פארשטײט זיך, אז א סאך פונ זײ זײַנענ אוועק אינ פארשײדענע שטעט, ווו מע האָט געקאָנט קריגנ גרינגערע ארבעט.

א גרויסע צאָל פונ די צוריקגעקערטע האָבנ אויסגעמאכט פּאָשעט קראנקע, אינוואלידנ אונ גלאט טויגעניכצנ, וואָס זײַנענ אָפּגעשיקט געוואָרנ פונ שטעטל בלויז קעדיי פּאָטער צו ווערנ פונ זאָרגנ וועגנ זײ.

אָבער די גרעסטע שולד אינעמ גרויסנ אָפּפלוס האָבנ געהאַט די אָרגאניזאטערס פונעמ אויפנעמענ אונ אײַנאָרדענענ די איבערוואנדערער אינ ביראָבידזשאנ. שלעכטע באדינגונגענ פונ וווינונג, אומפאראנטוואָרטלעכע פּלאנירונג פונ דער איבערוואנדערונג, ניט דערלאָזבארע ביוראָקראטישע באציִונג צו איבערוואנדערער מיצאד ווירטשאפטלעכע אָרגאניזאציעס, פעריאָדישע שלעכטע דערנערונג, ניט ריכטיקע אויסנוצונג פונ פארשײדענע קוואליפיקאציעס, — אָט וואָס עס האָט געבראכט צומ גרויסנ אָפּפלוס, צומ אונטערײַסנ די ווײַטערדיקע ארבעט. דאָס ערגסטע יאָר אינ הינזיכט פונ אָפּפלוס איז געווענ דאָס 1932 יאָר, וואָס האָט געגעבנ 80% אָפּפלוס.

אָט דעמ טיפּנ דורכרײַס אינ דער ארבעט פונ 1932 יאָר האָבנ אויסגענוצט קלאסנ־סאָנימ, וועלכע האָבנ זיך באמיט צו פארשפּרײטנ וועגנ ביראָבידזשאנ אלערלײ בילבולימ אונ שרעקלעכע ליגנס וועגנ דער קלאָמערשטער אומגלעכקײט צו באהערשנ דעמ ראיאָנ. אָבער פונעמ דורכרײַס האָבנ אויך געלערנט א סאך פּאָזיטיווע די טוער פונ דער איבערוואנדערונג אונ פונ ראיאָנ. די ווײַטערדיקע פּלענער פונ דער איבערוואנדערונג זײַנענ שוינ געוואָרנ א סאך מער באגרינדעט אונ די צאָל איבערוואנדערער ווערט איצט יעדנ מאָל באשטימט שטרענג לויט די מעגלעכקײטנ פונ ביראָבידזשאנ.

דעריבער טאַקע איז דער אויפנאַמ פונ די איבערוואנדערער אינ 1933 יאָר אָרגאניזירט געוואָרנ פיל בעסער אונ דער פּראָצענט פארפונדעוועטע איז געווענ אָנ אנ ערעך גרעסער. באזונדערס שטרענג ווערט געפירט די ווערבירונג אינ 1934 יאָר.

## II. די איבערוואנדערונג אינ 1934 יאָר

לויטנ פּלאנ פונ די ביראָבידזשאנער אָנפירנדיקע אָרגאניזאציעס דארפ מענ אויפנעמענ אינ 1934 יאָר 9000 איבערוואנדערער, וואָס

דארפנ איינגעארדנט ווערנ לויט די ווירטשאפטלעכע סעקטארנ אזוי: אינ דער אינדוסטריע — 3000, אינ די קאלווירטנ אונ ראטווירטנ — 3000, אינ דער געווערב-קאאפעראציע — 2000, אינ באזונדערע אנ-שטאלטנ 600 אונ בוי-ארבעטער דירעקט פאר דער בויונג — 1500.

דער פלאנ איז א פולקומ רעאלער, אבער נאר בא דער געהעריקער פאראנטווארטלעכער אנשטרענגונג פונ די ארטיקע קאמערד-אונ נעזערד-טוער וועט געזיכערט ווערנ די ווערבירונג אונ טראנספארטירונג פונ אזא צאל איבערוואנדערער. נאכ מער פאדערט זיכ פונ די בירעבידזשא-נער טוער עמעסע באלשעוויסטישע באציִונג צו די איבערוואנדערער באמ איינארדענענ זיי אונ פארפעסטיקנ.

די היסטארישע באשטימונג פונ דער רעגירונג פונעמ 7-טנ מײַ 1934 יאר וועגנ פארוואנדלענ בירעבידזשאנער ראיאנ אינ א יידישער אווטאנאמער געגנט האט באשײַמפערלעכ געעפנט נײַע מעגלעכקײַטנ אונ אופגעוועקט א גוואלדיקנ אינטערעס בא די ברייטע שיכטנ יידי-שע ארבעטנדיקע, אויכ בא די קוואליפיצירטע טוער — אינזשעניערנ, אגראנאמענ, דאקטוירימ, פעדאגאגנ, בוכהאלטערס, עקאנאמיסטנ אונ אנדערע צו פארנ קיינ בירעבידזשאנ העלפנ בויענ דעמ סאציאליסטישנ פארפאסט אפנ ווײַטנ מיזרעכ. אבער טאקע אט דער פילגעשטיגענער אינטערעס פאדערט א באזונדערס שטרענגנ קוואלי-טאטיוונ אפקלײַב פונ איבערוואנדערער פאר בירעבידזשאנ.

אינ דער יידישער אווטאנאמער געגנט דארפנ פארנ בלויז אזעלכע ארבעטנדיקע, וואס זײַנענ פיזיש אונ מאראליש געזונט, וואס מיינענ ערנסט אונ אקטיוו צו באטייליקנ זיכ אינ דער סאציאליסטישער בויונג פונ דער אווטאנאמער געגנט אונ זײַנענ דעריבער אויכ גרייט צו בײַקומענ אלע פאראנענע שוועריקײַטנ אינ דער בויונג.

אינ די קאלווירטנ דארפנ פארנ אינ דער ערשטער ריי מענטשנ, וואס זײַנענ מער-ווייניקער באקאנט מיט לאנדווירטשאפט, וואס קענענ ארומגיינ ארומ פי אדג. עס קאנענ אויכ פארנ אהינ קוואליפיצירטע קוסטארנ, פורמאנעס, שווארצארבעטער, סעזאנ-ארבעטער, אויב זיי מיינענ ערנסט צו פארנעמענ זיכ מיט לאנדווירטשאפט אונ ווילנ בעע-מעס ווערנ קאלווירטניקעס.

די, וואס האבנ באשלאסנ צו פארנ אינ א קאלווירט, דארפנ וויסנ, אז א קאלווירט איז ניט קיינ אונטערנעמונג אדער אנ אנשטאלט, וו

יעדער ארבעטער אונ אנגעשטעלטער באקומט א פעסטנ כוידעשלעכנ ארבעטלוינ פאר א באשטימטער צאל אפגעארבעטע שא אינ טאג: זיי מוזנ געדענקענ, אז אינ קאלווירט ווערט א באשטימטער סכום ארבעט פארעכנט פאר א טאג ארבעט אונ ערשט סאפ יאר רעכנט מענ אויס ענדגילטיק לויט נאכ דער אלגעמיינער ריינער האכ־נאסע פונ קאלווירט, וויפל עס טראגט אויס אפ איינ טאג־ארבעט.

די להאטעס, וואס די פארטיי אונ די רעגירונג האבנ געגעבנ די קאלווירטנ אונ קאלווירטניקעס פונעמ ווײַטנ מיזרעכ אינ דער באשטי־מונג פונעמ 11/III 1933 יאר, שאפנ, פארשטייט זיכ, אויכ פאר דער יידישער אווטאנאמער געגנט אפנ ווײַטנ מיזרעכ באזונדערס גינסטיקע באדינגונגענ פאר דעמ, אז אלע קאלווירטנ זאלנ אינ די נאענטסטע פאר יאר ווערנ באלשעוויסטישע אונ אלע קאלווירטניקעס — פארמעגלעכע. די דאזיקע להאטעס באשטייענ, ווי באוווסט, אינ דעמ, וואס אלע קאל־ווירטנ אונ קאלווירטניקעס זײַנענ אפ 10 יאר אינגאנצנ בא־פרײַט פונ צושטעלנ אבליגאטעריש דער מעלוכע רײַז אונ אלערליי טווועס (ווייצ, קארנ, האבער, גערשטנ, גריקע, סויע) אונ וואס די נאר־מעס פונ צושטעלנ דער מעלוכע פלייש, פוטער, מילכ, קארטאפל אא. פראדוקטנ זײַנענ פארקלענערט געווארנ אפ א העלפט. לויט דער באשטי־מונג פונ דער רעגירונג פונעמ 1/VI 1934 יאר ווערנ די קאלווירטנ אונ קאלווירטניקעס פונעמ ווײַטנ מיזרעכ אויכ אינגאנצנ בא־פרײַט פונ צאלנ דעמ לאנדווירטשאפטלעכנ שטײַ־ער — אפ 15 יאר. קלאר, אז דאס אלצ גיט א גוואלדיקע נײַע מעגלעכקײַט שטארק אונ גיכ צו אנטוויקלענ די איבערוואנדערישע קאל־ווירטנ אינ דער יידישער אווטאנאמער געגנט אונ ארײַנצוציענ אהינ וואס מער יידישע הארעפאשניקעס.

אינ די ראטווירטנ, וואס זײַנענ שוינ מעלוכישע אונטערנעמונגענ, ד.ה. פונ קאנסעקווענט סאציאליסטישנ טיפ אונ די ארבעטער באקומענ א פעסטנ ארבעטלוינ, לויט נאכ זייער ארבעט, דארפנ פארנ מענטשנ, געניטע אינ לאנדווירטשאפט, טראקטעריסטנ, פערד־אפזעער, מעלקע־רנס, שווארצ־ארבעטער אפ ארבעטנ אינ פעלד אא., דא פאדערט זיכ באזונדערס פיזיש־פעסטע אונ פייִקע צו שווערער ארבעט.

אינ די קוסטאר־ארטעלנ פאדערט ביראביזשאנ אצינד: שמידנ, גוט קוואליפיצירטע שניידער, שוסטער, קאלכ־ברענער, ציגל־מאכער אונ אנדערע פאכלײַט.

וואָס מער דער קוסטאר איז קוואליפיצירט אינ זײַנ פאכ, וואָס בעכער אונ שלאָגלערישער ער ארבעט, אלצ מער קענ ער פארדינענ אונ אלצ מער נוצנ דער געגנט.

צו ארבעטנ אינ די פאבריקנ, זאוואָדנ אונ בוי־אָרגאניזאציעס דארפנ פאָרנ ארבעטער נאטירלעכ בלויז פונ יענע פאכנ, וועלכע די ווירטשאפטלעכע אָרגאניזאציעס פאָדערנ דורכנ קאָמערד אונ געזערד אינ זייערע נאריאדנ. אינ דער ערשטער ריי דארפ בירעבידזשאנ האָבנ טעסלערס, סטאָליערס, אויוונמאכער, שטוקאטורנ, מוליערס, שלאָסער, בויארבעטער פונ אנדערע פאכנ אונ אויכ א גרויסע צאָל שווארצ־ארבעטער — פיזיש געזונטע מענטשנ.

די ווערבירונג אונ דעמ אָפּקלײַב פונ די ווערבירטע דארפ מענ פירנ סיסטעמאטיש אזוי, אז דער אָנגעמערקטער איבערוואנדערונג־פלאנ זאָל זײַנ אפ זיכער אויסגעפילט אפ אלע 100 פראָצענט.

## די פאראנענע מינעראלע רײַכטימער אונ די פערספעקטיוונ פונ זייער אויסניצנ

די געאָלאָגישע אויספאָרשונג פונעמ ווײַטנ מיזרעכ איז אינ א גרויסער מאָס אָפּגעשטאנענ אינ פארגלײַכ מיט דער געאָלאָגישער וויסנשאפטלעכער ארבעט, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרנ אינ די איבעריקע קאנטנ פונ פארבאנד.

א באדײַטנדיקנ שריט פאָרויס האָט געמאכט דער ווײַטמיזרעכדיקער קאנט אינ הינזיכט פונ סיסטעמאטיזירנ אונ אנאליזירנ דעמ פאראנענעמ מאטעריאל פונ פילצאָליקע געאָלאָגישע עקספעדיציעס פאר די לעצטע פאר יאָר.

וויכטיקע וויסנשאפטלעכע רעזולטאטנ האָט געגעבנ די געאָלאָגישע עקספעדיציע, וועלכע עס האָט אָרגאניזירט דער „דאלגעאָטרעסט" אינ 1932—1933, אונ אינ וועלכער עס האָט אנ אקטיוונ אָנטייל גענומענ אויכ א גרופּע לענינגראדער וויסנשאפטלעכע טוער, וואָס זײַנענ געפאָרנ לויט דער איניציאטיוו אונ אפ די מיטלענ פונ לענינגראדער „געזערד".

אלס רעזולטאט פונ דער אָנגעוויזענער געאָלאָגישער עקספעדיציע איז צונויפגעשטעלט געוואָרנ די געאָלאָגישע קארטע פונ דער יידישער

אווטאָנאָמער געגנט, וואָס גיט די מעגלעכקייט צו פאַנאַנדערקלײַבנ זיכ אינ די ערד־אויצרעס פונ דער געגנט אונ אויכ אינ די ערטער, ווו די מינעראַלנ געפינענ זיכ.

## I. אײַזנערצ

די מאַטעריאַלנ פונ דער געאָלאָגישער עקספעדיציע פונ ראַלגעאָ־טרעסט שטעלנ פעסט, אַז בלויז אינ אײנ צאָפנ־זײַט פונ די קלײנ־כינגאַנער בערג געפינענ זיכ 600 מיליאָנ טאָנ אײַזנערצ, דאָכ איז ניט ווײַט פונ דער אײַזנבאַנ־ליניע, פונ די סטאַנציעס לאַנדאָקאָ אונ ביראַקאַנ, וואָס פאַרגרינגערט אָנ אַנגערעכ די עקספלואַטירונג פונ דעמ אײַזנבאַנ־אַרצ. די ווײַטערדיקע פאָרשונגענ אונ אַנאַליזנ דאַרפנ נאָכ ענדגילטיק פעסטשטעלנ די קוואַליטעט פונעמ אײַזנ־אַרצ.

## II. קאַלכ

א גרויסע צאָל קאַלכ ווערט עקספלואַטירט פאַר די לעצטע יאָרנ אינ לאַנדאָקאָ אונ ביראַקאַנ.

די קאַלכ־רעזערוונ אינ דער גאַנצער געגנט זײַנענ זייער גרויס אונ דריקנ זיכ אויס אינ עטלעכע מיליאַרד טאָנ. בא זייער פולקאָמער עקספלואַטירונג קענ מענ באַזאָרגנ מיטנ נייטיקסטנ בוי־מאַטעריאַל ניט נאָר די בויונגענ אינ דער ייִדישער אווטאָנאָמער געגנט, נאָר אויכ דעמ גאַנצנ ווײַטנ מיזרעכ.

אינ פיל ערטער, ווו עס געפינט זיכ קאַלכ, קאָנ מענ אויכ געפינענ גרויסע רעזערוונ מירמלשטיינ, וואָס קאָנ גיינ אַפ אויסאַרבעטנ דעקאָראַטיווע פראָדוקציע.

גלײַכצײַטיק זײַנענ אינ געגנט אויסגעפונענ געוואָרנ אַנדערע בוי־מאַטעריאַלנ, ווי ליימ, בוישטיינער, קוואַרצעווע זאַמד אאַ.

## III. גאָלד

עס איז פונ לאַנג שוינ באַוווּסט געווענ, אַז אינ ביראָבידזשאַנ געפינענ זיכ באַדײַטנדיקע רעזערוונ פונ גאָלד, אָבער קײנ עקספלואַטירונג פונ די גאָלד־גרובנ האָט זיכ ניט געפירט.

די בערגנ פונעמ טײַכ סוטאַרא זײַנענ די סאַמע רײַכסטע ערטער מיט גאָלד אינ געגנט אונ אינ די ערטער פירט זיכ אויכ די פראָדוציר־

ארבעט אין פיר גאָלד־גרובנ, לויט די מאַטעריאַלנ פונ דער לעצטער עקספּעדיציע פונ „דאַלגעאָלקאָמ“ געפינענ זיכ גרויסע רעזערוונ גאָלד אפ דער גאַנצער שטרעקע צווישנ די ברעגנ פונעמ טײַכ סוטאַרא ביז די ברעגנ פונעמ טײַכ אַמור, אַזוי, אַז די פּערספּעקטיוונ פונ אַרויסבאַקומענ גרויסע רעזערוונ גאָלד אפ דער טעריטאָריע פונ דער געגנט זײַנענ געוויס באַדײַטנדיקע און עס איז די זאַכ פונ די קאַנטישע אָרגאַניזאַציעס צו אַנטוויקלענ די ווײַטערדיקע דערוועהבונג פונ גאָלד.

## IV. גראַפיט

גראַפיט געפינט זיכ אינ פיל ערטער פונ דער געגנט, אָבער דער הויפּט־אָרט פונ גרויסע רעזערוונ גראַפיט זײַנענ די ברעגנ פונעמ טײַכ „ב ע ל א י א“ באַמ דאָרפ ס אָ י ו ז נ א י א.

די רעזערוונ גראַפיט אינ דעמ טייל געגנט באַטרעפנ באַ א מ י ל י אָ נ ט אָ נ, פונדאַנענ וועט מענ קענענ באַזאָרגנ פיל אינדוסטריעלע גיגאַנטנ מיט אָט דעמ נייטיקסטנ רוישטאָפ.

## V. מאַגנעזיט

צווישנ די טײַכנ „קולדור“ און „בעלאַיאַ סאָפּקאַ“ געפינענ זיכ גרויסע רעזערוונ פונ מאַגנעזיט, וועלכע קענענ אויסגענוצט ווערנ ווי א באַשטאַנד־טייל באַמ פּראָדוצירנ פיבראָליט און צעמענט.

מאַגנעזיט איז אויכ זייער א נייטיקער פּראָדוקט פאַר דער מעטאַלורגיע. די פּאַראַגענע אינ געגנט רעזערוונ קענענ באַזאָרגנ ניט נאָר דעמ ווײַטנ מיזרעכ, נאָר אויכ פיל ראַיאָנענ פונעמ ראַטנפאַרבאַנד.

## בורייע—קלײנכינגאַנער פּראָבלעמ

דער XVII פּאַרטיי־צוזאַמענפאָר האָט געשענקט פיל אויפמערקזאַמקייט דער פראַגע וועגנ שאַפנ א מעטאַלורגישע באַזע אפנ ווײַטנ מיזרעכ און אינ זײַנע באַשטימונגענ איז פאַרויסגעזענ צו לאָזנ אינ פולנ גאַנג אינ 1937 די ערשטע אַגרעגאַטנ פונ מעטאַל־קאָמבינאַט.

אַלס באַזע אפ שאַפנ דעמ מעטאַלורגישנ זאַוואָד ווערט אָנגעמערקט דער ב ו ר י י ע ר ק ו י ל נ ־ ב א ס ײ נ, וואָס ליגט האַרט אינ שכײנעס מיט ביראָבידזשאַנ און דאַרפ, לויט די אָנווײַזונגענ פונעמ כ׳ סטאַלינ, פאַרוואַנדלט ווערנ אינ א צווייטנ קוזבאַס.

דער בורייער קוילנ-באסיינ האט באקומענ זײַנ נאמענ פונעמ טײַכ בורייע, וואס שנײַדט דורכ דעמ באסיינ.

דער גאנצער בורייער באסיינ איז ארומגערינגלט מיט בערג — די בורייער בארג-קייט, און סוכאנער בארג-קייט.

די רעזערוונ קוילנ פונ בורייער קוילנ-באסיינ ווערנ אויסגערעכנט אינ הונדערטער מיליארד טאנ. דערבײַ קאקסירנ די דאזיקע קוילנ זייער גוט. אינ פארבינדונג מיטנ בויענ דעמ מעטאלורגישנ קאמבינאט שטייט די פראגע וועגנ אויסנוצנ דעמ אײַזנארצ פונ דער יידישער אווטאנאמער געגנט.

די בויונג פונעמ מעטאלורגישנ קאמבינאט וועט ארויסרופנ די נייטיקײַט צו בויענ וועגנ, אײַזנבאנ-ליניעס, אויסקארטשעווענ און מעליארירנ גרויסע שטרעקעס ערד. פארשטייט זיכ, אז דערבײַ וועט זיכ אויכ פאנאנדערוויקלענ די בויונג פונ וווינ-הײַזער און אלערליי אנד. געבײַדעס.

א קאלאסאלע פראבלעמ איז דערבײַ פארנ ווײַטמיזרעכדיקנ קאנט צו באקומענ די נייטיקע צאל ארבעטקראפט, וואס זאל זיכערנ די אויספילונג פונ אט דער גראנדיעזער בויונג צו דער צײַט און דא דארפ די באזעצונג פונ דער יידישער אווטאנאמער געגנט אפשפילנ א באדײַטנדיקע ראליע.

די איבערוואנדערונג דארפ אינ די נאענטסטע יארנ אנהייבנ גיינ מיט א סאכ העכערע טעמפּנ, האבנדיק אינזינענ די נייטיקײַט ארײַנ-צודרינגענ אינ דער בויונג אויכ פונעמ מעטאל-קאמבינאט.

## די ראיאנירונג פונ דער געגנט

די טעריטאריע פונ דער יידישער אווטאנאמער געגנט איז גרויס און שפרייט זיכ אויס אפ 7 מיליאנ הא.

די באפעלקערטע פונקטנ אינ געגנט זײַנענ שטארק צעווארפנ און קעדיי פארשטארקנ די קאנקרעטע, טאג-טעגלעכע אנפירונג מוז מענ ארגאניזירנ נײַע ראיאנענ, צופאסנדיק זיכ צו די ווירקלעכע באדינגונגענ.

לויטנ באשלוס פונעמ פרעזידיומ פונ וו צ י ק רספסר, ווערנ אינ באשטאנד פונ דער יידישער אווט. געגנט געשאפנ פאלגנדיקע ראיאנענ:

### I. סטאלינער ראיאנ

דער סטאלינער ראיאנ געפינט זיכ אינ דארעמ-מײַרעוו-זײַט פונ דער געגנט און פאלט זיכ פאנאנדער אפ צוויי טיילנ:

דער ערשטער טייל איז דער דורכויסיקער סטעפּישער שעטעכ, הארט באַמ אַמור אינ דאָרעמ-זײַט פונ ראיאָנ. אינ דעמ טייל ראיאָנ איז די הויפּטווירטשאַפטלעכע ריכטונג — לאַנדווירטשאַפט. אינ הינזיכט פונ באַזאָרגנ די געגנט מיט ווייץ, סויע און אַנדערע קערנער-קולטורנ דאַרפ דער סטאַלינער ראיאָנ שפּילנ די גרעסטע ראָליע.

דער ראיאָנ פאַרמאָגט גרויסע שעטעכנ טויגבאַרע פּרוכטבאַרע ערד און באַמ דורכפירנ די נייטיקע מעליִאָראַטיווע אַרבעט קענ דאָ דער פּאַרזיי-שעטעכ גוואַלדיק אויסוואַקסנ.

דער סטעפּישער טייל פונעמ סטאַלינער ראיאָנ גיט די פולע מעגלעכקייט צו מעכאַניזירנ די לאַנדווירטשאַפט און אָנווענדנ די גרעסטע דערגרייכונגענ פונ אונדזער טעכניק, ווי קאָמבײַנענ, עלעקטרישע אַקערונג אאַוו.

אינ דעמ טייל ראיאָנ געפינענ זיכ 10 קאָלווירטנ, וואָס ווערנ באַדינט פונ דער אַמורזעטער מאַשינ-טראַקטער-סטאַנציע, דערנאָכ דער טווע-ראַטווירט, דער גרעסטער און בעסטער ראַטווירט אינ דער געגנט.

אינ דער סטעפּישער זײַט פונעמ ראיאָנ איז שוינ באַהערשט באַ 20000 הא ערד, אינ די נאָענטסטע צוויי-דרײַ יאָר קאָנענ עקספּלואַטירט ווערנ נאָכ 10000 הא אויסגעטריקנטע ערד, אַזוי אַז צומ שלומ פונעמ צווייטנ פינפיאָר קאָנ דער ראיאָנ האָבנ אַ פּאַרזיי-שעטעכ ניט ווייניקער פונ 30000 הא.

דער צווייטער טייל פונעמ ראיאָנ, דער צאָפנ-טייל, איז אַ באַרגיקער, מיט ווערטפולנ וואַלד און מיט מינעראַלע אוצרעס. אינ דעמ טייל ראיאָנ דאַרפ זיכ פאַנאַנדערוויקלענ די וואַלד- און באַרג-אינדוסטריע. פאַרשטייט זיכ, באַ דער געהעריקער וועג-בויונג. מאַכמעס זומער-צײַט איז דער סטאַלינער ראיאָנ פאַרבונדנ מיט כאַבאַראָווסק, מיט דער שטאָט בירעבידזשאַנ און מיט פיל אַנדערע פונקטנ פונ דער געגנט דורכנ אַמור. ווינטער קאָנ מענ אויכ גרינג זײַנ פאַרבונדנ מיט די זעלבע פונקטנ, אָבער אינ פרילינג און אינ האַרבסט איז דער ראיאָנ כמעט אָפּגעשניטנ פונ די אַלע באַזעצטע ערטער, די אײַזנבאַנ-ליניע, וואָס וועט געווים אינ דער צוקונפט פאַרבינדנ דעמ צענטער פונ דער געגנט, די שטאָט בירעבידזשאַנ, מיטנ סטאַלינער ראיאָנ, וועט העלפנ פאַרוואַנדלענ דעמ ראיאָנ אינ אַנ עמעסער קולטורעלער נעסט אפנ ווײַטנ מיזרעכ.

דער אַדמיניסטראַטיווער צענטער פונעמ סטאַלינער ראיאָנ וועט זיכ

געפינענ אינ סטאלינסק (געוו. סטאלינפעלד). די נאָענטסטע פראָדוציר-פּלענער פונ ראיאָנ דארפנ פאָרויסזענ צו פארגרעסערנ די צאָל איבערוואנדערישע קאָלווירטנ, כדי מאקסימאל באהערשנ די צאָל לאנדווירטשאפטלעכע רײכטימער פונ אמורער פאס. גלײכצײטיק, ווי געזאָגט, דארפנ פאָרויסגעזענ ווערנ גרויסע וועג-בויונגענ, וואָס זאָלנ געבנ די מעגלעכקײט אָנצוהייבנ באהערשנ די וואלד- און בארג-רײכטי-מער, שאפנ אנ אײגענע באזע פונ בוי-מאטעריאלנ אא.

## II. בליוכעראָווער ראיאָנ

דער צווייטער אדמיניסטראטיווער ראיאָנ איז דער בליוכעראָווער ראיאָנ. זײנע גרענעצנ זײנע פונ צאָפנ-זײט דער טײך סינטוכאלי, פונ אײנ זײט, און דער באצירק אלעקסייעווקע — פונ דער אנדערער זײט. פונ דאָרעמ גרענעצט דער ראיאָנ מיטנ טײך אמור פונעמ ערד-באצירק װענצעלעװע אפנ טײך ביזשאנ ביזנ ערד-באצירק גאָלאָווינסקאיא אפנ טײך בירא.

דער ראיאָנ געפינט זיך פונקט אינ דער מיט נעגנט. צום גרעסטנ טייל איז דאָס א סטעפּישער ראיאָנ מיט א קלײנער צאָל װעלדער אפ די בערג פונ טשורקי און דאור.

די עקאָנאָמישע גרונט-ריכטונג פונעמ ראיאָנ איז לאנדווירטשאפט און איבערהויפּט קערנער-קולטורנ, ווי ווייצ, האָבער, סויע, גריקע אא. דער ראיאָנ האָט אויכ גרויסע מעגלעכקײטנ פאנאנדערצווויקלענ פיש-צוכט אינ זײנע פילצאָליקע טײכנ.

דער גרעסטער טייל פונעמ ראיאָנ פאָדערט גרויסע מעליאָראציע. דאנ קאָנ דער פארזיי-שעטעכ דערגרייכנ ביז 200000 הא. בליוכעראָווער ראיאָנ מיט זײנע גרויסע ערד-שעטעכנ דארפ פארוואנדלט ווערנ אינ א מעכטיקער לאנדווירטשאפטלעכער באזע פאר דער געגנט. דער ראיאָנ דארפ פּראָדוצירנ קערנער-קולטורנ, איבערהויפּט ווייצ, אזוי אויכ די איבעריקע לאנדווירטשאפטלעכע פּראָדוקטנ ווי פּוטער, פלייש, גארטנווארג אא. אפ באזאָרגנ די ארבעטער פונעמ ווײטמיזרעכדיקנ ראיאָנ.

פאר דער צײט, זינט עס פירט זיכ די איבערוואנדערונג אינ בירע-בידזשאנ, האָט דער בליוכעראָווער ראיאָנ דערגרייכט צו גרויסע פּאָזיטיווע רעזולטאטנ, איבערהויפּט אפנ געביט פונ וועג-בויונגנ. מיט דער אקטיווער הילפ פונ די איבערוואנדערער איז אויסגעבויט געוואָרנ

א שאָסיי־וועג צווישנ דער שטאָט בירעבידזשאַנ אונ בליוכעראָווע.

די צאָל קאָלווירטנ איז דאָ פיל מאָל גרעסער, איידער אינ די איבעריקע ראיאָנענ. פונ די פאַראַנענע 25 קאָלווירטנ ווערנ באַדינט דורכ דער אוסטסונגאַרער מטס דערווײַל נאָר 6 קאָלווירטנ. אָבער אינ דער נאָענטסטער צײַט וועט די מטס אַרײַננעמענ נאָכ פיל קאָלווירטנ.

לויט דער צאָל באַפעליקערטע פונקטנ איז דער בליוכעראָווער ראיאָנ איינער פונ די גרעסטע אינ געגנט. די נײַע קאָלווירטנ אונ דאָרפראַטנ איז אינ ראיאָנ א גאַנצ געדיכטע.

## III. בירעבידזשאַנער ראיאָנ

די מיזרעכ־געגנט פונעמ ראיאָנ הייבט זיכ אָנ פונ ראַזיעזד איקור־ראַ צווישנ די באַנ־סטאַנציעס בירעבידזשאַנ אונ אינ. אפ דאָרעמ ציט זיכ די גרענעצ פאַראַלעל צומ טײַכ ביראַ, אַרײַננעמענדיק די באַזעצטע פונקטנ וואַלדהײַמ, רויטער מיזרעכ, פראַנקינאַ, זשאָלטי יאַר, ניקיפעלעווע, קאַזאַנקע אונ דעמ קאָלווירט „רוסקאַיאַ פאָליאַנאַ“. די דאָרעמ־גרענעצ ציט זיכ קימאַט ביז אַמור. אפ דער צווייטער זײַט פונעמ טײַכ ביראַ אינ מײַרעוו־טייל פונעמ ראיאָנ געפינט זיכ בירעפעלד, אַלעקסייעווקע, בירושקאַ, אַלעקסאַנדראָווקע, ווי אויכ דער בירעבידזשאַנער לאַנדווירטשאַפטלעכער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט. דער באָדנ איז דאָ מערסטנטייל א זאַמדיקער אונ באַמ דורכפירנ די נייטיקע קאַרטאָשאָווקע קענ דער ראיאָנ האָבנ אפ די ברעגנ פונ דער ביראַ זייער א גוטע לאַנדווירטשאַפט.

דער שעטעכ ערד, וואָס גרענעצט מיט בליוכעראָווער ראיאָנ נייטיקט זיכ אינ מעליאָראַציע. דער באָדנ איז דאָ א לײַמיקער אונ באַמ דורכפירנ די מעליאָראַטיווע אַרבעט וועט ער אויכ קאָנענ מאַקסימאַל אויסגענוצט ווערנ פאַר לאַנדווירטשאַפט.

די גרויסע לאָנקעס, וואָס דער ראיאָנ פאַרמאָגט, ווי אויכ די פערספעקטיווע פונ לאַנדווירטשאַפט גיבנ די מעגלעכקײַט צו פלאַנירנ גלײַכצײַטיק מיט דער אַנטוויקלונג פונ קערנער־קולטורנ אויכ די אַנטוויקלונג פונ פיצוכט, אַלס מעכטיקע דערנערונג־באַזע פאַר די אַרבעטנדיקע פונעמ בירעבידזשאַנער ראיאָנ.

אינ ראיאָנ זײַנענ איצט פאַראַנ 7 קאָלווירטנ, וואָס ווערנ באַדינט פונ דער בירעבידזשאַנער מטס.

די קאָלווירטנ, וואָס געפינענ זיכ אפ דער טעריטאָריע פונעמ שטאָ-טישנ ראַיאָנ, וועלנ זיכ פאַרוואַנדלענ אינ מילכ-אונ גערטנער-קאָלווירטנ אונ טוועס וועלנ זיי האָבנ נאָר צוליב אייגענער דערנערונג.

גרויסע מעגלעכקייט האָט דער ראַיאָנ אויכ אינ זינ פונ אנטוויקלענ פישצוכט אונ בינענצוכט.

אכוצ דער וויכטיקער לאַנדווירטשאַפטלעכער באַזע איז אינ ראַיאָנ געשאַפנ געוואָרנ א גאַנצ גרויסע אינדוסטריעלע באַזע, איבערהויפט אינ דער שטאָט בירעבידזשאַנ.

די שטאָט בירעבידזשאַנ איז פאַרבונדנ מיט דער פעריפעריע דורכ דער אייַזנבאַנ, דורכנ טייַכ בירא, מיט גוטע שאָסיי-וועגנ בירעבידזשאַנ—וואַלדהיימ אונ בירעבידזשאַנ—בליוכעראָווע (דורכ בירעפעלד). די גרעסטע דערגרייכונג פונ בירעבידזשאַנ איז דער מעכטיקער אויסגעבויטער (אינ 1933 יאָר) בריק איבערנ טייַכ בירא, וואָס בינדט צונויפ בירעבידזשאַנ מיט בליוכעראָווע. דאָס אלצ נעמט נאָכ אָבער ניט אראָפ פונעמ טאָג-אָרדענונג די שאַרפע פראַגע פונ ווייטערדיקער וועג-בויונג אינ געגנט. דעמ בירעבידזשאַנער ראַיאָנ שטייט פאָר צומבייַשפּיל אינ דער סאַמע נאָענטסטער צייַט צו פאַרלענגערנ דעמ וועג בירעבידזשאַנ — וואַלדהיימ ביז ניקיפעלעווע.

די שטאָט בירעבידזשאַנ, אזוי אויכ דער גאַנצער בירעבידזשאַנער שטאָטישער ראַיאָנ דאַרפ אינ די נאָענטסטע יאָרנ פאַרוואַנדלט ווערנ אינ א מוסטערהאַפטנ ראַיאָנ פונ דער געגנט אונ פונעמ ווייַטמיזרעכדיקנ קאַנט.

## IV. סמידאָוויטשער ראַיאָנ

לויט דער טעריטאָריע איז דאָס דער קלענסטער פונ די אלע ראַיאָנענ, וואָס זייַנענ אויסגעטיילט געוואָרנ אינ דער געגנט.

דער סמידאָוויטשער ראַיאָנ געפינט זיכ אינעמ מיזרעכ-טייל פונ דער געגנט. פונ מיזרעכ-דאָרעמ-זייַט געפינט זיכ דער ראַיאָנ באַמ טייַכ אמור. פונ מייִרעוו-זייַט ענדיקט זיכ די גרענעצ באַמ ראַזיעזד איקורא.

דער באָדנ פאָדערט גרויסע מעליאָראַציע אונ דאָס לוינט זיכ דורכצופירנ, ווייַל באַהערשנ דעמ ראַיאָנ איז עקאָנאָמיש זייער נייטיק, קעדיי אליינ צו באַזאָרגנ מיט שפּייַז-פּראָדוקטנ די ארבעטער פונ די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ, וועלכע דאַרפנ זיכ דאָ בויענ. די פילצאָליקע טייַכנ אונ די נאָענטקייַט פונ וועלדער גיבנ די פולע מעגלעכקייַט

צו פאַרוואַנדלענ דעמ ראַיאָנ אינ אַ אינדוסטריעלנ וואַלד־ראַיאָנ, וווּ עס קענ אויכ אַנטוויקלט ווערנ די האָלצבאַאַרבעטונג־אינדוסטריע.

פונ אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ געפינט זיכ אינ ראַיאָנ דער ניקאָלײַעווער האָלצ־זאַוואָד, אַפ וועלכנ ס'אַרבעטנ צוויי זעג־ראַמענ און די אײַזנבאַנ־דעפּאָ אַפ דער סטאַנציע.

אינ סמידאָוויטשער ראַיאָנ איז פאַראַנ 5 קאָלווירטנ, 7 פישפאַנג־אַרטעלנ און צוויי ראַטווירטנ — דער אַלאַטשײַעווקער כאַזיירימ־ראַטווירט און דער פּאָקראָווקער פוטער־ראַטווירט.

די געדיכטע נעצ טײַכנ מיט זייערע גרויסע רעזערוונ פיש דאַרפנ אינ צוקונפט פאַרשטאַרקנ אינ ראַיאָנ די פישצוכט.

דער סמידאָוויטשער ראַיאָנ, אַלס דער נאָענטסטער שאָכנ פונ דער שטאָט כאַבאַראָווסק, מוז פאַרוואַנדלט ווערנ אינ אַ באַזע פונ רויוואַרג און דערנערונג פאַרנ וויטמיזרעכדיקנ פּראָלעטאַרישנ צענטער.

אינ דעמ ראַיאָנ דאַרפ מאַקסימאַל אַנטוויקלט ווערנ די גאָרטנ־ווירטשאַפט און די פיצוכט, וואָס קאָנ מיט גרויסע טעמפּנ אויסוואַקסנ און ווערנ אַ באַדײַטנדיקע שפּײַז־באַזע. דער לאַנדווירטשאַפטלעכער סעקטער וועט גלײַכצײַטיק דאַרפנ באַזאָרגנ די באַפעלקערונג פונעמ ראַיאָנ אויכ מיט אייגענער טוועע — בײַ סיסטעמאַטישער פאַרגרעסערונג פונעמ פאַרזיי־שעטעכ.

דער ראַיאָנ איז צונויפגעבונדנ מיט אַלע זײַנע באַפעלקערטע פונקטנ דורכ דער אײַזנבאַנ־ליניע. ער האָט אויכ פאַרבינדונגענ מיט כאַבאַראָווסק און מיט אַנדערע פונקטנ דורכ די טײַכנ אַמור, טונגוסקע, אינ און אורמי.

## V. בירער ראַיאָנ

דער בירער ראַיאָנ פאַרנעמט די גאַנצע אײַזנבאַנ־ליניע, וואָס ציט זיכ פונ מײַרעוו אַפ מיזרעכ פונ דער סטאַנציע אָבלוטשיע ביז דער סטאַנציע בירעבידזשאַנ.

די גרענעצנ פונעמ דאָזיקנ ראַיאָנ הייבנ זיכ אָנ אַפ מײַרעוו פונעמ טײַכ אַמור, וווּהינ עס פאַלט אַרײַנ דער טײַכ פּאָמפּייעווקע. אַפ צאָפנ ציט זיכ דער ראַיאָנ לענגאויס דער אײַזנבאַנ־ליניע ביז דער שטאָט בירעבידזשאַנ. אַפ דאָרעמ־מײַרעוו גרענעצט דער ראַיאָנ מיטנ סטאַלינער ראַיאָנ און אַפ מיזרעכ־דאָרעמ — מיטנ בליוכעראָווער ראַיאָנ.

לויט דער טעריטאָריע איז דער ראַיאָנ דער סאַמע גרעסטער און ער

פאַרנעמט דעם צאָפנ-מײַרעוו-טייל פונ געגנט, וועלכער איז רײַכ מיט וואַלד און מיט מינעראַלנ.

פונ דער גרויסער טעריטאָריע קאָנענ אויסגענוצט ווערנ אַפ לאַנד-ווירטשאַפט ניט קיינ גרויסע דורכויסיקע מאַסיוונ ערד — דעריקער אַפ אַנטוויקלענ ביישטאַטישע ווירטשאַפטנ. דער הויפּט-טראָפ פונעמ ראַ-יאָנ דאַרפ אָבער געשטעלט ווערנ אַפ דער אַנטוויקלונג פונ דער א י נ ד ו ס ט ר י ע, וועלכע האָט דאָ גוואַלדיק גרויסע פּערספּעקטיוונ.

אינעמ ראַיאָנ געפינענ זיכ די רעזערוונ אײַזנאַרצ פונעמ קליינ-כינ-גאַנ, אינ דעמ ראַיאָנ געפינענ זיכ די גאָלד-גרובנ בײַ די ברעגנ פונעמ טײַכ סוטאַרא; דאָ אַפ דער אײַזנבאַנ-ליניע ווערנ עקספּלואַטירט די קאַלכ-רעזערוונ און דאָ געפינענ זיכ אויכ די רעזערוונ מירמלשטיינ, מאַגנעזיט און אַנדערע ווערטפולע מינעראַלנ.

די עקספּלואַטאַציע פונעמ קליינכינגאַנער ראַיאָנ, וווּ עס געפינענ זיכ די אײַזנ-רעזערוונ, וועט סטימולירנ צו אַנטוויקלענ אויכ די לאַנד-ווירטשאַפט אַפ די גרויסע פאַרוואָרפענע שטרעקעס ערד, וואָס געפינענ זיכ אינ ראַיאָנ פונ קליינ-כינגאַנ. אָט די ערד-באַצירקנ וועלנ אינ צו-קונפט זײַנ די לאַנדווירטשאַפטלעכע באַזע פאַרנ גאַנצנ בירער ראַיאָנ.

אינ ראַיאָנ געפינענ זיכ איצט 20 באַזעצטע פונקטנ, צווישנ זיי פיר קאָלווירטנ און איינ ראַטווירט (דער בינענצוכט-ראַטווירט).

פונ די אינדוסטריעלע אונטערנעמונגענ געפינענ זיכ אינ ראַיאָנ די גרעסטע אונטערנעמונגענ פונ דער געגנט, ווי דער בירער זאַוואָד פונ סטאַנדאַרטע הײַזער, דער קאַלכ-זאַוואָד, די גאָלד-גרובנ און אַ באַ-דײַטנדיקע צאָל געווערב-אַרטעלנ, וואָס אַרבעטנ אויס קאַלכ אאַ.

די מעגלעכקײַטנ צו אינדוסטריאַליזירנ דעמ ראַיאָנ זײַנענ זייער גרויסע. בײַ הײַנטיקנ טאָג איז נאָכ פאַראַנ פיל געביטנ, וווּ מע האָט נאָכ אַפילע ניט אָנגעהויבנ אויסנוצנ די נאַטירלעכע רײַכטימער.

דער מעטאַלורגישער קאָמבינאַט אַפ דער באַזע פונעמ קליינ-כינגאַ-נער אײַזנאַרצ דאַרפ שוינ צו ענדע 1935 יאָר ארויסגעבנ ניט ווייניקער ווי 50000 טאָנ [illegible] פלעבונג פונעמ קליינ-כינגאַנער טייל וועט, פאַרשטייט [illegible] האָבנ [illegible] גוואַלדיקע ווירקונג אַפ דער עקאָ-נאָמיק פונעמ גאַנצנ ראַיאָנ און [illegible] שטויסנ צו אינדוסטריאַליזירנ די איבעריקע טיילנ פונעמ ראַיאָנ. [illegible] מוזנ שטעלנ די פראַגע וועגנ צעטיילנ דעמ בירער ראַיאָנ אַפ צוויי זעלבשטענדיקע אַדמיניס-טראַטיווע איינסנ.

דער צענטער פונ דער שווערער מעטאלורגישער אינדוסטריע דארפ ווערנ די סטאנציע ב י ר א ק א נ — אונ פאקטיש דארפ דער ראיאָנ זײַנ דער פירנדיקער ראיאָנ אינ געגנט אפנ געביט פונ אינדוסטריע. צו דעמ ראיאָנ דארפ אינ דער צוקונפט געהערנ אויכ די גאָלד-אינדוסטריע.

דער בירער ראיאָנ מיט זײַנ צענטער — יִשעוו ב י ר א — דארפ פארוואנדלט ווערנ אינ א צווייטנ אינדוסטריעלנ צענטער פונ געגנט. אינ דעמ ראיאָנ דארפ דאָס אָנגעזעענסטע אָרט פארנעמענ די ה אָ ל צ-אינדוסטריע, די בויונג פונ סטאנדארטע הײַזער פאר דער גאנצער געגנט. דאָ דארפ אויכ מאקסימאל פאנאנדערגעוויקלט ווערנ אפ א נײַער טעכנישער באזע די קאלכ-פראָדוקציע אונ אנדערע אונטערנעמונגענ פונ בוי-מאטעריאלנ.

באמ איצטיקנ מאָמענט איז נאָכ די פראגע פונ צעטיילנ די אָנגעווייזענע טעריטאָריע אפ צוויי זעלבשטענדיקע ראיאָנענ ניט אקטועל אונ אפנ ערשטנ פעריאָד קענ בלײַבנ אײנ ראיאָנ מיטנ צענטער אינ יִשעוו בירא, וועלכער האָט גוטע טראנספאָרט-פארבינדונגענ. אגעוו, האָט דער יִשעוו בירא פיל גרעסערע מעגלעכקײַטנ אײַנצואָרדענענ בא זיכ די נײַע ראיאָנע אנשטאלטנ.

★

מיר שטעלנ זיכ דאָ ניט אָפּ אפ א רײַ וויכטיקע עקאָנאָמישע מאָמענטנ, ווײַל די פראגע פונ דורכפירנ די ראיאָנירונג פונ דער געגנט איז א גרויסע ספעציעלע ארבעט פאר דער אָרגבוראָ, וואָס אָרגאניזירט די געגנט.

די ראיאָנירונג וועט געבנ א מעכטיקנ שטויס צו פארוואנדלענ די געגנט אינ א בליענדיקער געגנט אפנ ווײַטנ מיזרעכ אונ אויסצונוצנ אלע פילצאָליקע רײַכטימער, וועלכע געפינענ זיכ דאָרטנ, אינ די אינטערעסנ פונ דער סאָציאליסטישער בויונג פונ אונדזער לאנד.

# אינהאַלט


זײַט

אַרײַנפיר . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 3

אַלגעמײנע געאָגראַפישע און עקאָנאָמישע ידיעות וועגנ דער יידישער אווטאָנאָמער געגנט . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 8


## וואָס איז אופגעטאָנ געוואָרנ אינ בירעבידזשאנ פאר זעקס יאָר.

### אפנ געביט פונ לאנדווירטשאפט:


I. מאשינ־טראקטער־סטאנציעס . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 14

II. די עלטערע איבערוואנדערישע קאָלווירטנ . . . . . . . . . . . . . 16

III. די נײַע איבערוואנדערישע קאָלווירטנ . . . . . . . . . . . . . 22

IV. די ראטווירטנ . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 25

V. די בײַשטאָטישע ווירטשאפטנ . . . . . . . . . . . . . . . . . . 30

VI. דער וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט פאר לאנדווירטשאפט . . . . . . . . . . 31


### אפנ געביט פונ אינדוסטריע:


I. דער לאנדראָקער קאלכ־זאוואָד . . . . . . . . . . . . . . . . . . 32

II. זאוואָד פונ סטאנדארטע הײַזער . . . . . . . . . . . . . . . . . . 33

III. טונגוסער האָלצ־זאוואָד . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 34

IV. די אײַזנבאנ־דעפאָ . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 35

V. די סוטארער גאָלד־גרובנ . . . . . . . . . . . . . . . . . . . —

VI. פאבריק „דעטאל" . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 36

VII. די ניי־פאבריק . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 37

VIII. מעכאנישעווארשטאטנ . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . —

IX. די עלעקטראָסטאנציע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 38

X. נײַע בויונגענ . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . —

XI. די געווערב־קאָאָפעראציע . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 39


### אפנ געביט פונ ראטנ- און קולטור־בויונג:


I. די ראטנ־בויונג . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 42

II. די קולטור־בויונג . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . . —

III. די מעדיצינישע באדינונג . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 45

## אפן געביט פון איבערוואנדערונג:


זײַט

I. די איבערוואנדערישע קאָנטינגענטן . . . . . . . . . . 46

II. די איבערוואנדערונג אין 1934 יאָר . . . . . . . . . . . . 49


## די פאראנענע מינעראלע רײַכטימער און די פערספעקטיוון פון זייער אויסניצן:


I. אײַזנארצ . . . . . . . . . . . . . . . . . . . 53

II. קאלך . . . . . . . . . . . . . . . . . . . —

III. גאָלד . . . . . . . . . . . . . . . . . . . —

IV. גראפיט . . . . . . . . . . . . . . . . . . 54

V. מאגנעזיט . . . . . . . . . . . . . . . . . . —

בורייע—קליינכינגאנער פראָבלעם . . . . . . . . . . . . —


## די ראיאָנירונג פון דער געגנט:


I. סטאלינער ראיאָן . . . . . . . . . . . . . . . 55

II. בליוכעראָווער ראיאָן . . . . . . . . . . . . . . 57

III. בירעפּידזשאנער ראיאָן . . . . . . . . . . . . 58

IV. סמידאָוויטשער ראיאָן . . . . . . . . . . . . . 59

V. בירער ראיאָן . . . . . . . . . . . . . . . . 60


---


Редактор Ф. Шпрах. Техред. М. Погостер. Корректор М. Иткович.

Сдано в производство 16|VII—34 г. Подписано к печати 14|VIII—34 г.
Формат бумаги 82 x 110 1/32 4 п. л. 36000 п. зн. в п. л.
„Эмес" № 30. Тираж 4000. Уп. Главлита В—89107

Тип. изд-ва „Дер Эмес", Москва, Покровка, 9. Зак. № 625.

Цена 50 коп.

פרייז 50 קאָפּ.

П.-М.—6

М. ДРУЯНОВ

ЕВРЕЙСКАЯ АВТОНОМНАЯ ОБЛАСТЬ

Изд-во «ЭМЕС», Москва, Старопанский пер., 1.